PP 17–26 MISSING

# דֶער הױז לֶעהְרֶער

מאת אמ"ד.

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל"ב לפ"ק

## ДЕРЪ ГАУЗЪ ЛЕРЕРЪ.

т. е.

Домашный Учитель.

Повѣсть А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.
1872.

1822

Дозволено цензурою 8 августа 1872 г. Вильна.

# דיא מוטער אונ אירע צווייא קינדער ׃

## 1.

אלס אונזער שטאט ווילנא וואר נאך מיט איאר פופציג אינגער ׃ דאס הייסט אין דעם יאר טויזענד אכט הונדערט צווייא אונ צוואנציג ׃ אלס דיא זאנע (דיא זון) פון דער אויף קלערונג האט נאך געשיינט אין איהרער מיטן ׃ אונ האט בעלויכטען מיט איהרע שטראלען זייער ווייט ׃ איך מיין עס דעם איניווערזיטעט וואס וואר דאן אין איר דען עס פלעגין צוא קומען יונגע לייט פון דיא ווייטעסטע שטעט אום צו שטודירען אין איר ׃ לבד אונזרע אידעשע קינדער ניט זעלבסט פון דיא וואס האבין דאן אין איר זעלבסט גיוואוינט ווייל זייא ווארין נאך דאן ליכטשייא (דאס הייסט זייא האבין זיך גיפירכטעט פאר דעם שיין פון דער חכמה) וויא דער מויל ווארף (קראט) וואס האט פחד פאר דעם שיין פון דער זון ׃ אונ פארבארגט זיך טיף אונטער דער ערד ׃ אזוא ווארין זייא אויך פארקנורעט אין דער דונקעלהייט פון דער גרעסטער אונוויסענהייט ׃ האט זיך דאן דא אין ווילנא באזעצט איינע גיוויסע וויטווע (אלמנה) אויס ווארשאווי וואס האט גיהייסין האנא אלעצקע ׃ אונ האט מיט זיך גיבראכט אפאר קינדער אזון מיט אטאכטער ׃ זיא וואר דאן אלט איאר פערציג ׃ זיא וואר נאך גאנץ היפש אונ אין איינער בליהענדע געזונדהייט ׃ אונ וואר נאך אים שטאנדע אונטער צוא פירען אמאן שיינע עטליכע שטאציעס אויף דעם אונגעפלעגטעווענטן וועג פון לעבין ׃ זיא האט עס אבער ניט גיטאן נור אויס ליבע צוא איהרע קינדער ׃ זיא וואר העכסט געבילדעט ׃ העכסט קלוג ׃ גאנץ רעליגיעז (פרום) אונ פון גרויסן

חאראקטער

הארַאקטער · גאנץ גישאפין צוא זיין אמוטער פון צוויא נוטע
קינדער וויא דיא איהריגע וארין · דער צוא וואר זיא אויך זייער
גוט בעמיטעלט · דען זיא האט גיהאט אקאפיטאל פון פופצעהען
טויזינד רוביל וואש זייא ווארין אנגעבראכט אויף גוטע רענטען
(פראצענט) אין גאנץ זיכערע הענד ·

זיא האט זיך באזעצט אין ווילנא נור צוא ליב אירע ביידע
קינדער דאס הייסט אום אן צו ברייגגען דעם זון אין דעם ווילנער
איניווערזיטעט און אום צוא בעקומען פאר איר טאכטער איינע
גוטע פארטי (שידוך) פון דיא אידעשע יונגע לייט וואס זייען
גיקומען פון ווייטין אום צוא שטודירען אין ווילנא · דען עס האבין
דאן מער אלס פערציג אידישע יונגע לייט פון קורלאנד · פון וואלין
זעלבסט פון פולין גישטודירט אין ווילנער איניווערזיטעט · וואש
איז דאן גישטאנען פיל העכער אלס ווארשעווער · און וואש וואר
אין אים פאר אידעשע יונגע לייט מער פלאץ צוא שטודירן אלס
אין דעם ווארשעווער · ווייל מען האט דארטין דיא יודין נאך גאנץ
ווייניג גילייטין · דאס מיידכען וואר שוין דאן אלט איאר אכטצעהן
בילדליך שיין · גוט ערצויגען און הויך געבילדעט · זיא האט
גיהייסין ראזע און וואר אזו ליבליך וויא איר נאמען · דיזע ביידע
קינדער האבין גיליבט דיא מוטער וויא דיא מוטער האט זייא
געליבט · און זייא ווארען אלע דרייא נור איין זייל אין דרייא
פארשידענע קערפער · און איין ווילען נור האט גייא אלעמען
דרייען בעהערשט · און דיזער ווילען וואר צוא לעבין נור איינער
פאר דעם אנדערין · און האבין ווירקליך אזוא גילעבט :

זייא האבין זיך באזעצט אין אוייטיגע געסיל גיט ווייט פון
דעם איניווערזיטעט · און האבין גיפירט אלזו איין גאנץ שטילעס
לעבין · דען זייא ווארען גאנץ פרעמד אין ווילנא און דער צוא
נאך גאנץ אונבעקאנט · און זיא דיא מוטער וואר גירופין דאהער
פון דיא איינציגע גימיינע אידין וואס האבין פארקערט צוא איהר
אין שטיב · צום ביישפיל וויא אבעקערקע · אשניידער · אשוסטער





אביך הענדלער · אוואסער טרעגער · נור מיט דעם בלויזען נאמען
"ווארשעווינקע" און וואר פון זייא אלזוא בעהאנדעלט מיט גרויס
רעספעקט (דרך ארץ) ווייל זיא און איהרע קינדער ווארען
גיקליידעט טייץ · און האבין גישפראכין צווישין זיך פוילעש ·
קלעגין אראפ צוא נעמען פאר זייא דיא היטל · און האבין זיך
גיט גיוואגט ארין צוא גיין פון דער פרעמדע אין דעם צווייטין
צימער · דאך דיזעס שטילעס לעבין איז באלד זייא גיפאלין צוא
לאסט · און האבין אזוא אין אפאר מאנאטין ארום אן גיהייבין
בעקאנטשאפטין צוא זוכען · און האבין עס אבער ניט גיפונען ·
דען אין יענער צייט ווארין נאך אונזערע ווילנער אידין גאנץ
אונגעבילדעט און גאנץ אונצוויליזירט · דיא הערען אדער פראסט
גיזאגט דיא מענער ווארען נור קלויזנער אדער האלבע סוחרים
און האלבע פאקטורים · און דיא דאמען אדער דיא ווייבער
ווארען נור פאתרייקעס · און ביידע העכסט אונוויסענד · דאס איז
אנגעבילדעטע דאמע וויא אונזער האנא וואר וואלט ניט גיהאט
איבער וואס צוא בעשפרעכען זיך מיט זייא · און מיט דעם
קריסטין וואר איר אויך אונמעגליך צו מאכין איינע בעקאנטשאפט
דען דיא פוילישע דאמען פון שטאנד און פון בילדונג ווארען דאן
שטאלץ נאך צוא פאר ברייגגען איינע גיזעלשאפטליכע שטונדע
מיט איינער אידישע פרויא נאמע בענע (ביותר) אין ווילנא וואס
דיא אידעשע בעפעלקערונג (עולם) זייען ביי דער קריסטען וועלט
פיר מער פאר אכטעטער אלס אין אנדערע שטעט *) :

*) דיא אורזאכע איז ווייל דיא יודען האבין ניט גיטארט
וואוינען אין כמה גאסין · און האבין זיך צוא זאמען געדריינגט אין
אקליינעם טייל פון שטאט · און האבין גילעבט זייער שמוציג ·
צווייטענס ווייל עס ווארין ניט אין איר רעכטע קויפלייטע קיין מאל
נור קליין הענדלער · שיינקער און דאש גליכין וואס דאס האט

WHY VILNA JEWS ARE HATED

נון לאמיר אונז אומקערין צוא ריק צוא אונזער ערציילונג:
עס איז איר דאס שטילעס לעבין גיפאלין צוא לאסט · אונ באלד
דארויף נאך מער אלס צוא לאסט · דען איינער פון אירע גרעסטע
אוים קונין פון איר בעזעצען זיך אין ווילנא וואר דאך אום איינע
פארטי פאר איר טאכטער צוא גיפינען · אונ מיט איין זויא ארט
לעבין וויא זיא האט דא פאר לעבט אפאר מאנאטן וואר אקנאפע
אוים זיכט אויף איינע פארטיי אטאכטער מוז (וויא דער אלטער
שפריכווארט זאגט) צוא מארק געפירט ווערין · דאש הייסט מען
מוז זיך ווייזין מיט איר צווישין לייטין · אונ בפרט נאך אין דער
וואקסענע וואש האלט שוין ביא דער ענדע פון דעם צווייטען
צעהנדליג וואש מען איז שוין באלד אוים געזעצט (ארוים גישטעלט)
צו דער געפאהר צו בעקומען דעם נאמען אלטע מאד · דען דיא
פרויען וועלט וואש איז העכסט אקאנאמיש מיט דער צאל פון
זייערע אייגענע יארין (דען יעדער פרויא גיט זיך אלין אן אם
ווייניגסטין מיט אהאלב צעהנדליג יארין אינגער אלס זיא איז באמת)
איז העכסט פריי געבינ (פארשווענדעריש) מיט דיא יארין פון
איינער פרעמדין מיידכען · זיא לייגט איר צו פיל מעהר נאך אלס
זיא ווארפט פון זיך זעלבסט ארונטער *) אונ דאהער איז שוין ביא
איר געבליבין דאש זיא זאל איר נעץ פראסע אויש ווארפין אין
דעם אינווערזעטעט זעלבסט · דאש הייסט זיא זאל איר טיר
עפענען פר די דארט שטודירענדע אידעשע יונגע לייט · אום ארוים
צוא

אונז זייער ערנידעריגט ביא דעם פוילעשין אדעל וואס ווארען
דאן זייער פיל אין ווילנא:

*) דא ביא אונז אין ווילנא וואר אמאל ביא איינער
דריי אונ צוואנציגסטע יאריגע מיידכען ביא איר תנאים אן גיפרעגט
גיווארין (נעורים פון איין שובא) צי גידיינקט זיא ניט ווער עס האט
גיוויינט ביא איר אנטקעגין מיט איאר פערציג צוריק · עס האבין
דיזע פראגע אלע גיהערט אונ עש איז פון דעם שידוך ניט גיווארין:



צו שפען (פאנגען) פון אונטער וויא איין חתן פאר איר טאכטער ·
נאר אן דיא הילפע פון זייער בעקאנטע פריינדשאפטען:

2.

דער לעהרער בנימין פליגעל:

נון פאר שטייט זיך פון זעלבסט דאש ניט מיט דעם בלויזין
טיר עפענען וועלין אריין שטודענטין אין שטוב וויא וועלף
(להבדיל) אין איינאפענעם שעפסן שטאל גאר ניט גיבעטענערהיים · אונ
דיזעם האט דיא האנא אויך זייער גוט גיוואוסט · אלזו מוזין זייא
צו דעם ערשטין מאל ווערין גילאדען אונ איין געפיהרט ווערין אין
הויז · נון וואר דער ביא ווידר גרויסע שוויריגקייטען (שווערקייטען)
ערשטינס מוז מען דאך פאר האר וויסען וועלכע איין צו לאדען ·
צווייטענס וויא לאדעט מען איין אונבעקאנטער הייט · מען קען
דאך דיא וואהרע אורזאכע פון דיזער איינלאדונג ניט אן געבין ·
אונ דריטענס ווען שוין יוא מוז מען דאך האבין ווייניגסטינס איין
מענטשין אלס איין פארמיטלער (שדכן) האבין · אונ אזוא איינער
האט איר דער ווייל אויך גיפעלט ·

דאך אונזער האנא וואש האט זייער גוט פארשטאנען
וויא איר טאכטער צוא ערציהען האט שוין גיוואוסט זיך צוא
בעראטהען וויא איינצוליטען (צו בעגיין זיך) דיזעם ערשטין שריט
(טריט) צו איהר טאכטערס פר היראטהונג · אונ האט זיך אוים געזוכט
אלזוא איין פערזאן וואש איזט בעפריינדעט זייער גוט מיט דיא
אידעשע שטודענטין אונ וואש איז נידער ווידריג (ווערט) צוא
האבין מיט אים איינע פערטרויליכע בעקאנטשאפט · דיזער
וואר איין געוויסער שטודענט פליגעל · איין יונגער מאן מיט
גרויסע פעהיגקייטען (שפאסאבנאסט) וואש וואר שוין אין פירטען
קלאס פון דעם אינווערזעטעט · דער צוא זייער קלוג אונ גאנץ
בראוו · ער וואר פון ארעמען שטאנד אונ דער צו נאך איין קריפעל
(אקייליקע) דען ער וואר איין פוקעלדיקער (הויקער) · זיא האט
אים

אים דער ווילע ניט ניקאנט פערווינליך (ליצנע) נור פון הערין אונ זאגין: אם מעהרסטי; פון איהרעם זון עליאם וואש פלעגט זיך צו רייסין לויבענדיג אים. אונ האט אים אלזוא גילאזט אן טוטען דורך איר זון דאש ער זאל אים געבין אונטר ריכט דאש הייסט ער זאל ווערין איין לעהרער ביא אים אויב וואול ער האט עש ניט גאנץ נייטיג געברויכט דען ער וואר אויך אנגטער שילער נור ער וואר אין דער ערסטע קלאסע. אונ דער פליגעל האט זיך גילאזט זייער לייכט בערידין דער צו. אונ איז אלזו גיווארין דורך דעם איין טעגליכער איין גייער ביא איר אין שטוב. אונ אין אפאר וואכין איז ער גיווארן ביי איר איין טיי געזעלענשאפטער. אונ אין איין מאנאט ארום איין הויז פריינד אונ זייער אפט אויך איין טיש גענאם (דאש הייסט איין מיט שפייזער ביא איר טיש) איבער הויפט אין שבתים אונ ימים טובים. אונ אלס זיי ווארין שוין גאנץ אינטים (העכסט) בעפריינדעט מיט איינאנדער האט אים דיא האנא אן פאר טרויט דאש זיא איזט געזאנגען (זיא איז בדעה) צו פאר הייראטהען איר טאכטער מיט איינעם אידעשין שטודענט וואש איז פון גוטין שטאנד. אונ וואש איז איין העכסט פייהיגער (שפאסאבנער) יונגער מאן. אלזוא (קבן) ווען אזוא איינער געפינט זיך אין דעם היזיגען איניווערזיטעט וואש איז אין דער מיינונג צו פערהייראטהען זיך זאל ער אים איין פירין צו איר אין הויז. "א אונים" האט ער זיך אפ גירופין צו איה איז צו געפינען אין אונזער איניווערזיטעט פיל מער אלס איינעם. עש זיינען דא זייערע אזעלכע פינף זעקס. אלזו האט איר נאך פון וואגן צו קלייבין. "אונ ראהער דעסטא (נאך) בעסער" האט זיא זיך אפ גירופין. אלזו טוען זייא מיר דיזע פריינדשאפט אונ קומען זייא צו מיר מיט זייערע צווייא דאש ערשטע מאל. אונ דער נאך מיט צווייא אנדערע. זייא ווערין מיר דער מיט; איינע דאפעלטע געפעלינקייט טאן. ערשטענס פיליכט ווערין זייא דורך דעם ווערין איין שליח פון גאט אום צוא צו פירין איין חתן פאר מיין
טאכטער



טאכטער. צווייטענס ווערין זייא דורך דעם מיין לעבין פארזיסין דען איך לעב דא מיט מיינער קליינער פאמיליע צו איינזאם (גאנץ אליין). אין גאנץ אליין זיין זאגט דער אלטער שפריכווארט האט גאט אויך ניט גיוואלט זיין אונ האט זיך באשאפין דיא איינגעלען "גאנץ רעכט" האט זיך דער פליגעל אפ גירופין. נור איך פירכטע דאש זיי זאלין נאכהער עם ניט בערייען (חרטה האבין) דען מיט געסט גייט צו וויא מיט רעגין. גייט גאר ניט איז שלעכט גייט עם צו פיל איז נאך פיל שלימער. אונ דאך ווען עם גייט גאר ניט האט זיא זיך אפ גירופין. בעט מען דאך עם זאל גיין. אונ ווען מיר מענטשין וואלטין אונז אימער פירכטין פאר דאש שלעכטס וואש גיפינט זיך אין יעדער זאכע וואלטין מיר קיין מאל ניט גינייסען דאס גוטעס וואס אין איר איז:

קורץ דער פון דער פליגעל האט איר פערשפראכין הויך אונ טייער דאש אין אפאר טעג ארום וועט ער קומען צוא איר מיט אפאר קאלעגען זיינע אונ איז זיך אוועק:

## 3.

## (דיא זייע בעקאנטשאפט)

דער מדרש זאגט אין סוטה שטעלין דאש פון יענער צייט אן וואש גאט האט בעענדעט צוא בעשאפין דיא וועלט מאכט ער לייטערס אונ איז מזווג זווגים. נון איז צוא פאר שטיין אונטער דעם ווארט לייטערס "פארמיטלער" דאש הייסט ער שיקט צוא אזעלכע מענשין וואש זאלין זיין וויא שטאפלען אין אלייטער דורך וועלכע מען זאל ערשטייגען אונ ערנידריגען מאנכען ווייטען שידוך אונ דיזער פאל וואר דא אויך. דען גאט וואש איז דער ליינקער (קערעוועטער) דער עהען (פון חתונות) אונד וואס האט איין געזעהן דאס דיזער בנימין פליגעל וועט ניט גינוג זיין אום אויס צו פירען איינע פארטי (אשידוך) פאר אונזער ראזע. האט ארייין געמישט אין דיזעם ענין נאך אפארזוין. איינע געוויסע פרויא וואש מען האט
איר

איר גירופין מאדאם טויבע העקערלינג · אונ נור דורך אורייטע סבה · וויא מיר וועלין דא באלד שרייבין :

נון פאר שטייט זיך דאש דיזע קליינע פאמיליע האט אין דעם זעלבען טאג פון דעם פאריגען געשפרעך אן גיהייבין צוא מאכן ביא זיך אין שטוב צוא ברייטונגען אום אויף צוא נעמען געסט · עש וואר באלד צוא גיקויפט מער טיי געשירר : גרעסערע קאנע קאנען אונ דאש גלייכען אונ האבין ערווארטעט מיט דער גרעסטער אונגעדולד דעם פליגל מיט זיינע אפאר קאלעגען (חברים) ער איזט אבער ניט גיקומען · אונ זייא זייען גיווארין העכסט אונרוהיג דורך דעם דען זייא האבין אים גיקענט ביז אהער פאר איין גאנץ פינקטליכען מאן אונ זיינען גיווארין נאך מער אונרוהיג אלס ער האט זיך צוא זייא ניט גיוויזען שוין אגאנצע אכטאג · אונ האבין אלזו גאר ניט גיוואוסט וואש איבער צו טראכטין דאריבער דען זייא האבין גאר ניט גיוואוסט וואו צוא ערקונדיגען זיך דעריבער · , דען זייער עליאס (דער זון) וואר דאן גאנץ אונפאס דאש ער האט ניט גיטארט פון שטוב ארויס טרעטין · אלזוא ער וואס וואר דער איינציגער וואש דורך אים האט מען גיקאנט וואש דער ביין וואש עש איז דאש מער מיט אים · וואר אויך ניט צוא גיברויבין איצונד דער צוא · אונ אלם זייא ווארין גאנץ בעזארגט וועגין אים אליין דען ער וואר זייא העכסט באליבט · האבין זייא אריבער גישיקט זייער דינסט מיידכען אויף זיין קווארטיר · זייא אבער האט קיין גיוויסעס גיבראכט דען זייא האט גיפונען די טיר פארשלאסין · אונ קיינער פון הויף האט ניט גיוואוסט וואש צוא זאגין איר וועגין אים · דען עש האבין דארטין גיוואוינט נור איינע פולישע פאמיליען פון גרויסין אדעל וואש האבין מיט אים קיין פארקער גיהאט · אונ זעלבסט דער שטראז האט אויך גאנץ ווייניג גיוואוסט פון אים · ווייל ער פלעגט אים אויך גאנץ זעלטין זעהען · אונ זיין קווארטיר וואר אימער מעהר צוא גישלאסין אלם אפין :

אונ



אונ אזוא האבין זייא פאר לעבט גאנצע צווייא וואכין אין איינער איינגעסטליכע אונגעוויסהייט וועגין דיזען מענטשין אונ ערסט אויף דער דריטע וואך איז גיקומען צו זייא איין באדינטער פון קליניק מיט אצעטעלע פון דעם פליגל גישריבין מיט איינער זייער שלעכטע האנט שריפט · אין וועלכעם ער מעלדעט זייא אן דאש ער ליגט אין קליניק אונ בעט דיא האנא הערצליך דאש זיא זאל אים מארגין אוהר צעהען באזוכן : קוים האט דיא האנא דיזען צעטיל דורך גילעזין · האט זיא אים אפ גישריבין דורך דעם זעלבען בעדינטען · דאש זיא וועט מארגין זיין ביא אים אין דער בעשטימטע שטונדע · אונ האט עש פינקטליך מקיים גיוועזן · זיא האט אים דער וויזט זייער שוואך · דער צוא נאך האלב גיפעהרליך · אונ האט דער וויכט זיצענדיג לעבין אים איינע פרויא פון איהרער עלטער דאש הייסט פון אזאר פערציג זייער רייך גיקליידעט אונ דר צו פון איינעם שיינעם אונ אידעלען אויס זעהען · זיא וואר גיקליידעט צוואר אידעש אבער דאך זייער גוט · אנשטענדיג · אונ שפרעכט פויליש זייער גוט · דער פליגעל האט דיא האנאן אנגענומען זייער פריינדליך · אונ האט איר פאר גישטעלט פאר דיזער דאמע אלם דיא איינציגע אידעשע פריינדין אויסער (חוץ) איר וואש ער האט אין ווילנא · אונ האט איר העכסט בעלויבט פאר איר · אונ דער נאך האט ער יענע פאר גישטעלט פאר דער האנא · דאש זיא איז איינע געוויסע מאדאם טויבע העקערלינג פון איינעם העכסט רייכען אונ פאר נעהמען הויז אונ איז העכסט גיבילדעט אונ האט העכסט גיבילדעטע טעכטער אונ אזון מיט איינעם אויס גיצייכענטין קאפ וואש ער האט אים גינעבין אפאר יאר אונטער ריכט אונ האט אלזו ביא איר אין הויזע זייער פיל גוטעס גינאסין אונ איז איר גיבליבין איין איבינע פריינד אגב האט ער איר דער מאנט דאש ער האט שוין אמאל מיט איר גישפראכין איבער דיזעש הויז :

דיא דאמען האבין זיך גירייכט (דער לאנגט) דיא הענט

איינער

איינער דער אנדערע אונ האבין אן גישפונגען איין קורצין פריינדליכין גישפרעך. צווישין זיך. האבין זיך בעפריינדעט. אונ האבין זיך פאר שפראכין איינאנדער צוא באזוכין. אונ באלד דארויף האט דער פליגיל דער ציילט פאר דער האנא וואש דאס מער מיט זיינער קראנקהייט איז׳ איך האב מיר איין פינגער איין גישניטין האט ער זיך אפ גירופין אלס איך האב אנאטאמירט (צוא גלידערט) אטויטין קערפער. דא איז גיווארין אויף דער שטעל דיא האנט גישוואלין באלד דארויף דיא בראנד צוא גיפאלין. אונ האב אלזו גיקענט מיט דער עקסטרע פאצט אוועק פארין אין יענער וועלט. מען האט מיר אבער גיגעבין שנעלע (גישווינטע) באמונקעס. אלזוא לויב גאט איך האפע שוין צוא בלייבין אהינער. אונ האב אייך אלזוא גילאזט בעטין אהער מער צוא ליב דיזער דאמע העקערלינג וואש איך ווינץ אייך איהרע בעקאנטשאפט אלס מיינט וועגן דען איך האב גיוואוסט דש זיא וועט דא זיין ביא מיר צוא דיזער שטונדע. דען איך וויים זיא וועט אייך זיין פון גרויסין נוצין. איר זייט דא פרעמד אין דיזער שטאט. איר ברויכט צוא האבין איינע פריינדין. אונ זיא איז דיא איינציגע וואש איז ווירדיג עס צוא זיין:

דיזע ביידע דאמען האבין זיך פערזאמט ביא אים מעהר אלס צוויא שטונדען אונ האבין אים ביא זייער אוועק גיין פאר שפראכין אים נידער אין קורצין צו באזוכין באנאנד. אונ זייען אוועק פון אים זייער צו פרידען מיט זייערע נייע בעקאנטשאפט. אונ האבין זיך גישיידעט פון איינאנדער מיט דער פאר אבריידונג דאש דיא טויבע זאל אין איינע טעג ארום בעזוכין דיא האנא אונ פון איר הויז ארום וועלין זייא בעזוכין ווידער דעם פליגעל. אונ עש וואר אזו גישעהען. צוא דעם צווייטין בעזוך האבין זייא שוין דעם פליגלען דער וויסט פיל בעסער דאש ער האט שוין פאר שפראכין דער האנא צוא זיין ביא איר; אין פערלויף פון איינער וואכע מיט אפאר קאלעגען זיינע. דער ווילע זייען זיך

גיווארין



גיווארין דיא ביידע דאמען בעפריינדעטער מיט איינאנדער פון טאג צו טאג מעהר דאש מיט דער צייט זיינען זייא גיווארין אונטער זיך אינטימע פריינדינען. דאש איינע האט שוין ניט גיהאט קיינע גיהיימניסע פאר דער אנדערע. אונ דיזעס איז קיין וואונדער ווייל יעדע פון דיזע ביידע געבילדעטע דאמען האבין דאן אך ווילנא קיינע פאסענדערע גיזעלשאפטין פאר זיך קענען גיפינען אלס וויא זייא ביידע פאר איינאנדער. אונ אזוא פאר בליבין ביז איין גליקליכער צופאל האט זייא פון איינאנדער גישיידעט וויא מיר וועלין דא שפעטער שרייבין:

## 4.

## (דער שרעקליכער נאכט)

אין פארלויף פון איינער וואכע איז דער פליגעל גיקומען צוא פארשפראכענער צייט צוא אונזער האנען אין שטוב מיט זיינעם אקאלעגין. אשטודענט פון איאר איין אונ צוואנציג. בליהענד אונ שיין וויא יאזעף אוים עגיפטען. זיינע האלטונג אונ זיין גאנג וואר גראפעטעטיש (גרעפיש) זיין בליק פריינדליך אונ ליבליך; אונ זיין גאנצעס בענעהמען וואר וויא אוים בערכינט אונ העכסט גיפעליג; אויך זיין שפרעכען וואר בעצויבערנד. אונ דאהער האט ער שוין מיט זיינעם ערסטין גירוס אונ אויפטרעטין גיוואונען דיא הערצין פון דער מוטער אונ פון דער טאכטער. אונ זייען גיבליבין זיצען וויא אן זיך; גלייך וויא זייא וואלטין דער זעהען עפעס מער וויא איין מענשליך קינד; וויא איינעם פון אבעסערין וועלט אלס אונזערע איז; דאש הייסט איינע איבער נאטירליכע ערשיינונג. דאך דיא קלוגע האנא האט זיך באלד גיפאסט (דאש הייסט גישטארקט מיט איר פערשטאנד איבער אירע צוא מישטהייט). איז אים גיקומען אנטקעגין האט אים געגעבין דיא האנט; אונ אויך דעם צווייטען (דעם פליגעל) אונ באלד נאך איר האט דאש זעלבע גיטאן דיא טאכטער אונ האבין

זייא

זייא געבעטין זיצען · אונ דער פליגעל האט באלד דארויף פאר געשטעלט דעם יונגען מאן פאר דיא אלעצקעשע פאמיליע דאש ער איז זיינער אקאלעגיום · ער שטודירטע מיט אים אין איין קלאס ער איז פון קאטעניץ אונ הייסט הערשעל מארגאזע :

קוים איז דיזער נאמען ארויס פון · פליגעלס מויל איז דיא האנא געווארין גאנץ פארענדערט · דען עס איז איהר געווארין פינסטער אין דיא אויגן · דאש געזיכט איין געפאלין · אונ האט ערשפירט איין ציטערין אין אלע גלידער דאש זיא האט זיך שיר פון דיא פיס ארונטער געלאזין · אונ האט זיך באלד גימוזט אנידר זעצין · נון פארשטייט זיך דאש דיא קינדער אונ דיא ביידע געסטע זייען געווארין העכסט אונרוהיג דער פון · זיא אבער האט זייא באלד בארוהיגט עש איז נור איין געוועהנליכער צופאל ביי מיר וואש גייט באלד איבער האט זיא צו זייא געזאגט נאט זייא דאנק עש איז שוין פאר איבער עש איז נור אשפאזמע אונ ווייטער ניט אונ האט אלזוא באלד דארויף אויף גינומען די געסט זייער פריינדליך · אונ העפליך · אונ האט זיך אונטער געהאלטין ביי דעם טיש זייער פריינדליך אונ געזעליג מיט זייא עש וואר דער לאנגע צום טיש קאפע מיט זעמעל אונ נאך מאנכע קלייניגקייט · אונ דער נאך אלס מען האט אן געהייבען צו דעקין דעם טיש צוא איינעם קליינע אווענד ברויט · איז דער הערשעל מארגאזע אויף געשטאנען זייער מונטער (פריילך) איזט צוא גיגאנגען צוא דעם פארטעפיאן אונ האט אן געהייבען צוא שפילן זייער מייסטערליך נאך האט זיך ניט דער פארטעפיאן געלאזט אזו הערין וויא אונטער זיינע הענט דען עש האט זיך גידוכט דאש א גאנצע ארקעסטער (קאפעליע) איז דא אין שפילערע זייטע (שטרונע) וואר בעריהרט אין איינער זעקונדע הונדערט מאל פון זיינע פינגער אזוא וויא עש וואלט געוועזין אין יעדען פון זייא טויזענד שאק רוחות · דאש דיא גאנצע קליינע געזעלשאפט ווארען בעלעבט אונ באגייסטערט וויא פון איינער הימלישע

מוזיק



מוזיק · אונ נאכהער ביי דעם טיש האט ער זיי בעלוסטיגט מיט וויציגע (שפיציגע) ענעקדאטין (גלייך ווערטליך) דאש זייא האבין נאך אזוא קיין מאל גילאכט וויא אין דיזען אווענד · אונ האט ביי זייא אזוא פאר ווייליט ביז צווייא דעם זייגער ביי נאכט · אונ וואר אלזוא הערצליך גיבעטין פון דער מוטער אונ טאכטער דאש ער זאל זייא אין דיא קינפטיגע וואך ווידער באזוכען אונ ער האט עס זייא אויך זייער גערין פאר שפראכין :

דער מארגאזע איז אוועק אונ דיא קליינע פאמיליע האבן פאר בראכט דעם לעצטין טייל פון דיזער נאכט אין איינעם ערענסטין געשפרעך איבער דיזען יונגען מארגאזע דען נאך האבין זייא ניט געזעהען אין זייער לעבין אזוא פיל קערפערליכע שיינהייט · אונ גייסטיגע געשיקליכקייט אונ טאלענטע (השלמה) פאר איינגט אין איינעם יונגען מאן אונ זייען גיגאנגען צו בעטע אלס עש האט שוין אן גיהייבין צוא טאגין · אונ אויך דאן האט דיא טאכטער דיא ראזע ניט געקענט איינשלאפין דען איהר געמיהט איז געבליבין העכסט אונרוהיג · ערסטענס ווייל זיא איז געווארין שטערבליך פערליבט אין אים אונ צווייטענס וואר זיא העכסט בעזארגט וועגין איהר מוטער · ווייל זיא האט זיך דאך ניט געקענט בארוהיגען מיט דער מוטערס אנטווארט · דען זיא ווייס דאך דאש דיא מוטער וואר אימער געזונט אונ נאך האט זיך איהר אזוא איין צוא פאל ביז אהער ניט גיטראפין אלזוא מוז דא זיין צום גרונד פאר געוויש איינע אנדערע אורזאך · אונ פר געוויס אזוא איינע אורזאכע וואש האט איין בעצוג (שייכות) צוא דעם בעזוך פון דיזעם יונגען מאן וואש ער איז איהר געווארין שוין ליבער אלס דיא גאנצע וועלט · אלזוא קען ווערין דורך דעם איין שטערונג אין איהר רעכענונג (מניעה) · גינוג אזעלכע זארגין אום צוא שטערין דעם גאלדענעם שלאף פון איינעם פארליבטין מיידכען · אונ האט דאהער ביי זיך פעסט בעשלאסין צוא בעשפרעכין זיך מיט דער מוטער ביי דער ערסטער אונ בעסטער געלעגענהייט · אונ

אזוא

אזוא אנגילעגנהייט האט זיך גאר ניט פארזאמט צוא קומען
דען שוין אויף מארגין אלס דיא מוטער איז געבליבן ליגין אין
איר בעט איבער דעם גאנצין נאך מיטאג · האט זיא איר אן
גיהייבן אום פארשטין וואש עש פעלט איר אונ האט איר צוא
גליך בערעדעט דאש זיא זאל שיקין נאך אדאקטער ׃ זיא האט
אבער פון איר באקומען איין גאנץ אונבפרידיגטע אנטווארט ·
עש איז צוואר האט זיא איר גיענטפערט · דיזער צו פאל איז איין
נייעם ביי מיר דען ביז אהער וואר איך געזונד וויא אריב ·
אונ וואש איך האב אים גיזאגט דאש איך ליד אפטער דער
פון ׃ וואר עש נור אום אים צוא בערוהיגין דאש ער זאל ניט
מיינען דאש זיין בעזוך האט גיהאט אויף מיר גימאכט דיזע
איבעלע ווירקונג · אונ ביי אלעם דעם קען איך מיך ניט אפווערין
פון איינעם אין מיר פון מיינער קינדהייט אן איין געוואורצעלטין
אבער גלויבין דאש ווען עש טרעפט זיך וואש ניט גוטעם ביי א דעם
ערשטין באזוך פון אנייעם נאמט · איז איין טריפטיגער בעווייז
(ריכטיגער סימן) דאש מען זאל אזו אנייעם שוין אוים מיידן ·
וואש האט וואר מיט מיר געטראפען ווייס איך אליין ניט · עש
איז מיר גיווארין העכסט איבעל דאש איך האב גימיינט עש
איז אוים מיט מיר נור נאם זיא ראנק עש איז שוין פאר איבער
אן שלעכטע פאלגען (ווירקונגען) · אונ דאך בין איך נאך וויא
איינע געלעהמטע פון דעם געסטעריגין אווענד פיליכט וייל איך
בין גיוועהן דיא גאנצע נאכט אויף · אונ צווישענס צווישין אונז
גירעט איז מיר גיווען דיא גאנצע צייט פון זיינעם זיין דא דיא
ברוסט גיפרעסט וויא פון אשווערין שטיין · אונ האב אן גיהייבין
ערשט פרייא צוא אטעמן אלס ער וואר שוין אויף יענער זייט
טיר · אונ קען מיר זעלבסט קיין רעכענונג געבין ווארום וואר עש
אזו · נאם וויא דאנק דאש עש איז שוין פאר איבער · אונ האפע
דאש ביז מארגן וועל איך שוין זיין גיזונד ׃

"דיין ליבע מוטער" האט זיא זיך צו איר אז גירופין דוא
ווילסט



ווילסט מיר צום צווייטען מאל אבפערטיגען מיט אזוי איין אנטווארט [illegible]
וואס קען נור גלויבט ווערין פון איינער פרעמדע · אבער ניט פון
מיר דיין טאכטער וואס קען דיך ניט פון געכטין דיינע [illegible]
איזט מעהר אלס איין בלויזער צו פאל · אונ צווייטענס ניט דו ביזט
דער מענש וואס זאל גלויבין אין אזעלכע זאכין · פאר וואס [illegible]
אמענשין צוא ליב דעם וואס עס טרעפט זיך ביי א [illegible] ערשטין
בעזוך איינע אונגעריכטע איבעלקייט · עס מוז פארשטענדיש דאך
שטיין אין אפארבינדונג מיט זיין ערשיינען אין אונזער שטוב · נאך
איזט מיר אוואונדער · וויא אזוי קען עס אזוי איינע שרעקליכע
ווירקונג האבין אויף דיינער מוטער פעסטע געזונדהייט · [illegible]
מארגנאזע · אזוי איין איינגעל שיינער יונגער מאן · וואס זיין שיינהייט
בעצויבערט יעדער הערץ · אונ פריידע אונ לעבין טאהט אין זיין
גאנצעם בענעהמען · אונ וואס זיין שיידען פון אונז וואלט מיר [illegible]
עס וואלט אונטער גיגאנגען דיא זון אין מיטען טאג · אקעגען [illegible]
לייד דאס אזוי איין אויגענבליק זאל אומזאנסט פארמאכין [illegible]
(דער ווייטערט ווערין) פון אונזער שטוב · א בעסערע [illegible] איך
אים גיט געזעהן אלס אים נור נאך איינמאל זעהן · אונ צווייטענס
פארשטייע איך דיך ניט ליבע מוטער · וויא ווערט עס [illegible]
דו אים שיקען זאגין דאס ער זאל אהער שוין מער ניט קומען [illegible]
אזוי גאר עס אים זעלבסט זאגין · איך גלויב עס ניט [illegible]
פלומפ (גראב) דארף מען קיין מענשען אן קומען · אונ [illegible]
ליבע מוטער אונ דער צו האסט דו אים דאך גיבעטין [illegible]
ווידער קומען · ניין מיין קינד האט זיך די מוטער אפגערופן דאס זאל
נימאלס גישעהען · איך וועל אים ניט שיקען זאגין · איך [illegible]
פון מיין שטוב ניט פארטרייבן (מרחיק זיין) איך וועל ליידען
געדולדיג אונ וועל אים אזוי נאר פר יינדליך אויף נעהמען [illegible]
אבר וועל איך דר ביי ניט ווייניג ליידען · ליידן האט זיך [illegible]
אפגירופען פארשטייע איך דיך ווייטער ניט · וויא איזט [illegible]
פון אזוי איינעם צו ליידען וואס בעגליקט מיט יעדעם [illegible]

הויז לעהרער ביה
יעדעם

יעדעם הערץ · אונ ווידער ווייל דוא זאגסט דוא וועסט דער ביי
ליידען ; ענטזאגע איך מיך פון דעם פארגעניגין אים ווידער צוא
זעהען דען דוא ליבע מוטער ביזט מיר טייערער אלס מיין לעבען
נוה ליידען מיין קינד האט איר דיא מוטער געענטפערט אבער ניט
שטערבין דען עס איזט נאך ניט אזוי שלעכט מיט זיינם צווייטן קומן
וויא מיט זיינעם ערסטין ערשיינען פאר מיר · דער ערסטער
איינדרוק איזט שוין פאר איבער אונ מיט אים אויך דיא געפאהר
אונ זיין דריטער בעזוך וועט מיר נאך לייכטער בעקומן אונ מיט
דער צייט וועל איך ווערין גאנץ גלייכגילטיג געגין זיין קומען · אונ
אזוי גלויב איך וועט עס צו גיין מיט דיינער פאר בלענדונג דורך אים :

ניין ליבע מוטער האט זיך דאש מיידכען אפגערופין ניט
וועט זיין ווערט אויך איין גראן (נערסט שווער) זינקען אין מיינע
אויגן זיין אויגן גלאנץ וועט קיין מאל אפבלאקירען פאר מיינע
בליקען · דאך ביי אלעם דעם בין איך בערייט זיך צו ענטזאגען
פון אים · באם דוא וועסט מיר נור זאגען דעם וואהרען גרונד פון
דיינער אפנייגונג פון אים :

א דוא לויזע מיידכען האט זיך דיא מוטער צוא איר אפ
גערופען דו רעטסט וויא איינע בערוישטע (פארשיכרטע) ערסטינס
ווייסט דוא נאך ניט צי ליבט ער דיך · אונ צווייטענס ביזט דוא
אויך איבער איילט מיט דיינער ליבע · ניט אלץ וואש גלענצט איזט
זילבער · דוא ווייסט דאך ניט ווער ער איזט · זיינע אומשטענדע ·
אונ צוא האט ער שוין ניט פון פריהער איינע געליבטע ·

א ניין ליבע מוטער האט זיך דאס מיידכען אפגערופין דוא
פארשטייסט מיך שלעכט · איך מיין ניט דאס ער זאל מיך שוין
הייראטהען ניין · איך מיין נור דאס ער געפעלט מיר אזוי ווייט דס
ער איזט ווירדיג צו ווערבען (שדכענען) אום אים באם עס וועט
ניט דער ביי זייטיגע פעהלערען זיין · אונ וויא עס שיינט וועט עס
ניט זיין · דען ווער נעמט נאטיץ (זיך אומקוקט) ביי איינעם שידוך
מיט איינעם שטודירענדען אויף זיין משפחה · אויף זיין פערמעגין ·

מען



NB

מען קוקט נור ביי אזוי איינעם אויף זיין יחוס עצמו · אונ אויף זיין
אייסערעם אויס זעהען · אונ דאס ער איזט נאך ניט פאר ליבט אין
איינער אנדערע ווייס איך מעהר אלס געווים · אונ דאס ער ליבט
מיך ווייס איך אויך דען די ליבע האט אדלער אויגין · איך פירכטע
נור דיין ווידער ווילען געגען אים · אונ דיזעם וואלט איך שוין
וועלען וויסין :

קיין אנדער גרונד מיין קינד האט איר די מוטער געענטפערט
האם איך האב דיר פריהער געזאגט · אונ ווייטער דריגג ניט אין
מיך · דען צוא דיינער ליבע האט עס גאנץ ווייניג :

דיזער געשפרעך האט פאר גיווים פיל מעהר גיזוועהרט דען
ער וואר צעהען מאל לייננער · דאך פאר דיר מיינע ארעמע לעזערין
וואס דוא ווילסט איינעם ראמאן צוא לעזען האבין פאר איינינע
קאפייקען · אונ דיזען אויך נאך פילייכט פאר אקאפייקע ניין געלט
פאר דעם דורך לעזען. איזט עס שוין אויך צו פיל · אונ מיר שרייטען
(גייען) צו אונזערע געשיכטע :

5.

דער צווייטער בעזוך פון דעם געדולדעטען גאסט *)

אין איינער אכטאג ארום · איזט דער פלינגעל ווידער
געקומען מיט דעם מארגאזע ; ער וואר שוין ניט אבער וויא פריהער
איין שרעקליכער גאסט נור איין געדולדעטער גאסט · דאס הייסט
די מוטער האט זיך שוין ניט דער שראקען פאר אים · דאך אבער
זיך געפרייט אויך ניט נור געדולדעט אים · אונ ביי אלעם דעם
וואר דר עמפפאנג זייער ווארעם נור אבער אויס הוילער עטיקעטע
(דרך ארץ) ניט אזוי אבער וואר דער פאל מיט דער טאכטער זיא
האט

*) איין געדולדעטער גאסט ווערט אנגערופען אזוי איין גאסט
וואס דולדעט נור אים אין שטוב · דאס הייסט מען קען אים וויא עס
איזט ליידען אונ ערטראגען :

האט אים בעווילקאמט (געריסט) וויא איינע ר‍ע (רויז) נאך איינער קאלטע טויא נאכט דיא אויפגייענדע זאנע (זון) האט פאר שלונגען זיין יעדען וואָרט · זיינע יעדע מינע מיט איינעם היים הונגער און האט זיך געפונען גליקליך אין זיינער נעהע (נאהענטקייט) וויא איינע ריינע זיילע לעבין איר שוין איינגעלי עס וואר גינוג געשוואצט (געפלוידערט) · געשפילט געטאנצט דער צוא נאך זיך לאנגע טיף אין דיא אויגין געקוקט און צו געלאכט · און ביי אלעם דעם וואר דיא טאכטער בעזארגט וועגין איר מוטער און האט גיכוויזט זיך מאנכע גליקליכע בליקע אויף איר געליבטען בערויבען אום צוא זעהען וואס עס טוט זיך מיט דער מוטער · און האט גאט גידאנקט ביי זיך אין הערצען דאס זיא איזט געזונט · דאך איין עטוואס פארשטימט (אומיטיג) דאהער האט זיא דעם מארגאזע ענטלאסען פון זיך אדום צוועלפע שוין · דאמיט דיא מוטער זאל גיין פריהע צייטיג צוא בעט · אזעלכע בעזוכע האבין זיך ווידערהאלט (איבערגעהאזערט) אלע וואך ; און פון דעם געדולדעטען נאסט איזט געווארען מיט דער צייט איין פריינדליכר ליבר גאכט · און די טאכטער האט געמיינט דאס זיא איזט שוין . גאנץ פארטיג מיט דער מוטער · דאך אבער האט זיא זיך אין דעם גאנץ געאירט · דען וואס וויטער און מעהר דיא טאכטער איזט געווארען פריינדליכער און פארטרויטער מיט דעם מארגאזען איזט גיווארען דיא מוטער אליך קיהלער און קיהלער מיט איהרע אויפנאהמע אים · און פלעגט ניט וועלען לייהען דאס דיא טאכטער מאכט איין געשפרעך מיט איר וועגען אים ; און פלעגט מיט ווידער ווילען אן נעהמען דיא קליינע פרעזענטע וואס ער פלעגט צו מאכן איר און איר טאכטער ; קורץ אום דיא קלוגע ראזע · דיא טאכטער האט זייער גוט פארשטאנען ; דאס דיא מוטער איזט העכסט אפגענייגט פון דיזער פארטי · דאך האט זיא זיך דער ביי העכסט געדולדעט · און האט זיך געמאכט דאס זיא מערקט עס ניט · און אזוי האבין דיזע ליידיגע בעזוכע גידויערט מעהר אלס איין יאהר און וועלכין משך דיזע ביידע יונגע פערליבטע

זהאבין



האבין גיהאט גינוג גילעגענהייט צוא שפרעכען צוא וויסען גאנץ פריי מיטהיג און צו צוא שווערען איינער דעם אנדערען איינע אייביגע ליבע · און ערווארטען גדולדיג איינע בעסערע צייט · דאס ביז דיא מוטער וועט ווערין נאכגיביג · אדער ביז וואנען זייא וועלין דער גיין דיא וואהרע אורזאכע פון איר נים איינשטימען אין דיזער פארטין:

צום אונגליק איזט דער פליגעל אפגיפארין פון ווילנא · און ער וואר גראדע דער איינציגער וואס מען האט אים געקענט אלס פערמיטלער געברויכען אין דיזער זאכען · און קיין אנדערער איזט אויף זייער שטעלע ניט דא · נור וואר זייא ביידען צוא מוט וויא איינעם זעגלער (שיפער) אויף דעם שטילען מעער *) אין איינער לאנגע פינסטערע נאכט וואס עס גלימט ניט אין אים קיין שטערליין וואס זאלען פירען צו דעם זיכערען האפען:

נאך טריבער וואר זייא אויף איהרעם הערצען · אלס דיא מוטער האט זיך ערקלערט פאר פסח דאס זיא וויל ארוים ציהען אויף זומער אום איהרע געזונדהייט וועגען אמייל פון שטאדט · דען זייא ביידע האבין זייער גוט פארשטאנען דאס דיזער פלאן איזט נור איינע ברויזע אוים פלוכט (אויס רייד) אום דער מיט אוים צו נייכען דיא בעזוכע פון דיזעם מארגאזע · דען וואו און וואן ווערט ער קענען אהין קומען · ער ברויכט דאך אפצוהיטען דעם קלאם · און וויא דער אלטער שפריכווארט זאגט דאלע אציוראלע מערצע · און ווידער וויא אונזערע אלטע חכמים זאגין אין ארם תוטא אלא במה שעיניו רואות דאש הייסט איין מענש פארזינדיגט זיך נור אן אזוי אזאך וואס זיינען אויגען זעהען · אלווי אהעק פון דיא אויגען איזט שוין פון זינען אויך וועק געלויגען אונזערע יונגע פארליבטע

האבין

*) דאס שטילע מעער ווערט אנגירופען דער דרום זייט פון דעם אוקיינוס וואס ער איזט שטיל און רוהיג פון שיפען ווייל מען פירכטעט־דארט צו וועגען.

האפין אבר דיזען שטרייך (שטוקע) אויך מיט דער העכסטע געדולד אויס געליטען: דער מארגאזע האט איר נור געמאכט דרי ביא איינע קליינע איינווענדונג· אלס וויא ער העטע גיגלויבט אין איהרע אונפעסליכקייט: דאס זיא זאל זיך ניט אזוי ווייט ערווייטערען פון שטאדט דאמיט זיא זאל זיין נעהענטער צו ערצטליכע (דאקטארשע) הילפע אונ פון אפטייקען· זיא אבער אלס איינע העכסט קלוגע פרויא: האט אים ערקלערט דאס עס איזט פיל גלייכער צו זיין וואס ווייטער פון שטאדט ווייל זיא ברויכט צו איהרע געזונדהייט נור דיא לאנד לופט· אונ איינע גערהעריגע רוהע· אונ ארום שטאדט איזט ערסטענס דיא לופט נאך אויך ניט געהעריג ריין· אונ צווייטענס איזט דארט מעהר שטאדט אלס אין שטאדט זעלבסט· דען עס איזט דארט בעזעצט אלע שטיבלעך מיט מאיאוויגיקעס· אונ מען ווערט בעאונרוהיגט דורך זייער פיל לעכטיגע בעזוכער· אונ ווען שוין מוזען דארט כאכען אויך אונגייטיגע בעקאנטשאפטען· וואס זיא ווערט זיך שוין ניט קענען אפ בראנגען פון זייא אום ווינטער:

## 6.

## דיא מאדאם טויבע

באלד נאך פסח האט זיך אונזר מאדאם אלעצקע ארויס גיקליבן מיט איר טאכטר אמייל אונטערן שטאדט אונ דר זון איזט געבליבן אין שטאדט ווייל ער האט דאך געמוזט בעזוכען דעם איניווערזעטעט· דאך דיא שטרעקע (מרחק) פון אמייל וואר ניט פאר מעגענד צוא טרענען צוייא געליבטע הערצין· אונ וועל מיך דער ביא בעדינען איין קליינעם פירז (ליד) פון דעם גרויסעקדיכטער (משורר) (שילער) Schiller אזוי דים זי (רייםט אפ דיא וואסער) פון אראפא דאך די ליבענדע שרעקט זיא ניכט· אונ גראדע נאך אומגעקערט עם איזט דורך דעם גראדען נאך גיכער אוים געפיהרט געווארין אלס זיי וואלטין פארבליבע אין שטאדט· דען דיזער יונגער מארגאזע האט זיך גאר ניט געמאכט וויסענדיג אונ ניט פר שטייענדיג דיא וואהרע

אורזאכע



אורזאכע פון איר ארוים פון שטאדט אזוי ווייט אונ איזט געווארין איר אפטערער גאסט מיט דעם אוים רייד ער ברינגט נור דיא לאנד לופט צו געניסען; ער האט בעשטעלט פאר זיך איין רייט פערד אונ פלעגט צו קומען צו זייא אן שטאדט דעם זייענדיק אין שטאדט נור איין מאל אין וואך פלעגט ער קומען דרייא מאל א וואך· אונ בלייבין דער צוא נאך נעכטיגען· אונ צווייטענס האט דיזע לענדליכע איינקוואטירונג איהרע אנגעלאקט (צו געצויגען) נאך איינע בעזוכערין· אונ דיזעס וואר אונזער טויבע· דיא איינציגע פריינדין וואס זיא האט ערווארבען (בעקומען) צו איהרער פריידע אין ווילנא· זיא וואר מעהר אלס איין האלבעס יאר ניט אין דער היים· זיא וואר ביא איהרע טאכטער וואס וואר אויף דער צייט אונ האט איבער ווארטעט דארט אין קאמעניץ איהר קינפעט אונ איזט גיקומען אהיים ערסט אויף פסח· אונ דיזע קלוגע דאמע איזט געווארין איצונד דיא בריקע איבער וועלכע אונזערע ליבענדע זייען אריבער דיזער בריטען קלופט (שפאלטונג) וואס דיא מוטער האט גימאכט צווישען זייא ביידען וויא מיר וועלין דא באלד גאנץ אוים פיהרליך דער ציילען:

דיזע טויבע וואר ביז אהער אין דיזע געהיימנים פון דיזער ליבשאפט גאנץ אונ גאר ניט איינגעווייהעט (איין פערטרויט) דען דיא מוטער האט דער פון גאר ניט גיוואלט ריידען· אונ דיא טאכטער זהאט קיינע גילעגענהייט גיהאט צו ריידען מיט דיזער דאמע אין דער אבוועזענהייט (אין דעם ניט דער ביא זיין) פון איהר מוטער· דען ווען זיא וואר ביא זייא וואר אויך דיא מוטער דער ביא· ניט אזוי וואר דער פאל איצונד· דען דארט אויפען לאנד האבין זיך נאיר אנגיבאטען פילע שטונדען צו זיין מיט איר אליין אין אפארטען צימער אדער אויף איינעם שפאציר גאנג· אונ האט עס גיוואוסט צוא רעכטער צייט זייער גוט צוא בענוצען· דען אין איינעם פריא מאהגין אלס זיא איזט מיט דיזער מאדאם זיך גינאנגען באדען· אונ דיא מוטער איזט גיבליבען

צו

און היינט האט זיא זיך מיט איר פון איינאנדער גירעט וועגין דעם אונ האט איהר צו גלייך גיבעטין דאס זיא זאל זיך אלס פערמיטלערין אריין מישען אין דעם :

וואס ליבע מאדאם האט זיא זיך אפגירופן צו איר· איך וויל אייך אנטפלעקן (פערטרויען) איין אזוי אזאך וואס אייער קלוגעם אויג געשרעקט עס געבליבט שוין אליין · נור איר מאכט אייך דער בייא נאר אנגיוויסענדיג ווייל מיינע מוטער וויל עס האבין דאש איר זאלט ניט גיוויסען · פונקט גלייך · איר ווייסט · אונ איר זאלט עש אויך פון מיינעם מונד הערין דאס דיזער מארגאזע גיפעלט מיר זייער · אונ נאך מעהר וויא גיפעהלט · איך בין אין אים פארליבט ווייל ער איזט ליבענס ווירדיג אונ אזוי ליבט ער מיך · מיר האבין אונז שוין לאנג איינער דעם אנדערין דאריבער ערקלערט · ער איזט גאנץ אונטער אונז גיזאגט איין גליק פאר מיך· איך דארף בעסערעס ניט פארלאנגען · ער איזט שיין· קלוג· גישיקט· באלד אונש געשטאלטיגטער ארצט · דער צו נאך פון גאנץ רייכע עלטערן אונ אבער ליידער צווישען אונז נור איינע געהיימע הינדערניס (מניעה) וועלכע נור איר אליין ווערט עש קענען דער גיין אונ צו גלייך עס אויפהעבין (מבטל זיין) מיט גאטעס הילף· עש איזט דיזע פארטיי געגין דעם ווילין פון מיינער מוטער · אונ זיא ווערט עש ניט צו לאזין· אונ איך ווייש ניט דיא אורזאך דער פון · אלזוי בעט איך אייך באם איר זייט אויף מיינער מיינונג (דאש הייסט באם איר מיינט וויא איך) דאש דיזע פארטיי איזט פאר מיך אגליק · בעט איך אייך דאש איר זאלט אייך אין דער זאך אריין מישען · ערשטענס אויש פארשען פון איר וואש איזט דיא אורזאך פון איהר ניט וועלין דיזע פארטיי· אונ צווייטענס ווען דיא אורזאך וואש זיא וועט אייך זאגין ווערט ניט זיין אזוי וויכטיג דאש איבער איהר זאל זיך אונזערע ליבע אויסלעשין · זאלט איר צוא רעדען איהר צו · דער מיט דרייען בעגליקען· מיך · מיין געליבטען · אונ צוא לעצט אויך מיינע מוטער · דען איך ווייס

דאש



דאש איר גליק בע[illegible]ט דאש זיא זאל מיך גליקליך פארהייראטהען · אונ הייראטהען מוזען איבער דורך פאר מיטלער געשעהען · אונ דאש זאלט איר זיין :

מיין ליבעס קינד האט זיך דיא טויבע אפגירופען צו איר · זייא ווייסין דאש איך בין אויך דיינער מיינונג (איך מיין וויא דוא) נאך פאר מיין אוועק פארין · אלס איך האב אים דער זעהען דאש ערסטע מאל בייא אייך · איזט מיר ארויף אויף דעם גידאנקען · דאס ער איזט איינע גוטע פארטיי פאר דיך · נון פרייעט מיך דאש איר גיפעלט אייך איינאנדער · איך האב ביז אהער דער פון ניט גישפראכען מיט דיינער מוטער ווייל זיא האט מיט מיר קיין ווארט הער פון גערעט · איצונד אבער וועל איך שוין מיט איר גענוים שפרעכין דאריבער · נור מיט דעם בעדינג · דאש דוא זאלסט מיך ערלויבין צוא זאגען איר דאס איך בין אנגעבעטין געווארין פון דיר דארום · זאנסט ווערט עס איר קריינקען וואס איך מישע מיך אריין אין פאמיליען אנגעלעגענהייטען (ענינים) אונגעבעטענער הייט :

א יא עס איזט אייך ערלויבט עס צוא זאגין · האט זיא איר גיענטפערט · דען דא איזט מעהר אלס הוילע ליבע אין שפיל · איך מיין דאך זיינע פרויא צוא ווערין · אונ איינעם ארענטליכען מאן צו בעקומען איזט זייער שווער · בפרט נאך פאר אזוי אמיידכען וויא איך בין וואס איך בין אנגיוויזען נור אויף איינעם אויסגישטודירטין · דען ניט מיר איזט צו נעמען שוין איין אינגעלע וואס דיא מוטער זאל אים גינעהרין · אונ דער רעכטער נדן וואש אמיידכען טראגט אריין דעם מאן אין שטוב איזט דיא יונגע יארען דען זיא בלייבט אים דורך דעם אימער ליב אונ אימער יונג וויא אונזער ביבעל הריקט זיך אוים · איך גידיינקע דיר דיא ליבע פון דיינער יוגענד :

איך

## 7.

אין גישפרעך צווישין דער מאדאם טויבע אונ דר מאדאם האנא ׃

אין דעם זעלביגין טאג צו טייא צייט · וואש עש וואר דאן דרויסען העכסט טריבע אונ פייכט ׃ דאש עש וואר גיט צו דיינקען שוין פון איינעם אבענטליכען שפאציר גאנג · אונ אויך זיך גיט צו ריכטען אויף קיין בעגאכבארטען (נאהענטען) גאסט ׃ האט דיא טויבע גיהייסין דער ראזע דאש זיא זאל פאר בלייבין בייא איהרער האנד ארבייט אדער בייא אבוך אין איר צימער · אום זיא זאל קענען דיזע צייט צו בענוצן אום צו בעשפרעכין זיך מיט איר מוטער וועגין דעם וואס זיא האט איר גיבעטין · אונ דיא ראזע האט עם גערען גיטאן · אונטער דעם פארוואנד (אוים רייד) דאש זיא איזט עפעס אונפאם · אונ אלם דיזע ביידע דאמען וואר ין גאנץ אליין · אונ דיא טויבע וואר גיזיכערט דאש זיא וועט שוין פון קיינעם גישטערט ווערין · האט זיא אנגיהייבין מיט דער האנא צו ריידען · וויא מיר וועלין דא באלד דער ציילין ׃

ליבע האנא האט זיך דיא טויבע אפגירופן ׃ עש גיט אין לעבין אזעלכע פעלע דוכט מיר · דאש דער קליגסטער מענש ווייס ניט וויא זיך צו בעניין אין זייא ; איינער דער פון איזט ווען איין הויז פריינד מערקעט אן אזוי איין ענין בייא זיינעם פריינד אין שטוב וואש ער קען דער בייא זייער פיל העלפין מיט זיינעם נוטין ראטה אדער טהאט · אונ נאגט זיך דאך דער מיט ניט ארוים ווייל ער זעהעט איין דאש מען מיינט דאש ער ווייס ניט דער פון אונ מען וויל עש פון אים בעהאלטין אלם איינע גיהיימנים · אונ דיזער פאל איזט איצונד בייא מיר אויך · איך ווייס שוין אצייט פון אזוי איין ענין וואש קאכט בייא אייך אין שטוב אונ איך האב נאך מיט אייך קיין ווארט דאריבער גישפראכין ווייל איר מיינט איך ווייס עש ניט אונ ווילט איך זאל עש ניט וויסען · אונ וואלט אלזוי ווייטער דער

פון



פון גישוויגען ווען איך וואלט ניט איצונד גיבעטין גיווארין דאש איך זאל גראדע יוא ריידען דער פון · אונ דיזע פערזוין איזט גראדע אייער טאכטער ׃

דיא מוטער איזט גיווארין רויט אונ צוא מישט אונ עש האט גידויערט איינע היפשע צייט ביז זיא האט גיפונען דיא שפראכע · אונ דאן האט זיא זיך אפגירופין ליבע טויבע · מיין הערץ האט פאר אייך קיינע גיהיימניסע · אונ העטע דיא זאכע אום וועלכע מיינע טאכטער האט אייך גיבעטין צוא בעשפרעכען אייך מיט מיר גיווען פון איינער מעגליכקייט צוא ווערין אמאל וואלט איך שוין אליין לאנג גישפראכין מיט אייך דאריבער · אלזוי מאדאם הער אויש מיט דער שפראכע פאר גיווים זייט איר פון איר גיבעטין וועגין דעם מארגאזע · אזוי איזט עש מאדאם האט זיך דיא טויבע אפגירופין · אונ בייא אלעם דעם איזט עש נאך גיט אויש גימאכט דאש דאש זאל זיין אונמעגליך זעלבסט בייא דיא גרעסטע מניעות אין דער וועלט אונ זעלבסט בייא אייערען גרעסטען ווידער ווילין · דען דער אלטער שפריכווארט זאגט שדוכים זייען פון גאט אונ דאהער ווערט ער אן גירופען אין דייטש לאנד אויך מיט דעם נאמען דער ליינקער דער עהען · אונזערע אלטע חכמים זאגין דאש מאנכע מאל שטארבין גאר דיא עלטערין וואש שטערען אזוי אשידוך וואש איזט בעשטימט פון גאט וויא דיזער פאל וואר אויך בייא בתואל וואש האט גישטערט זיינע טאכטער רבקה צוא נעמען יצחק · אונ צווייטענס בין איך אייך מחויב צו זאגין דאש דער מארגאזע איזט מיר העכסט גיפעלין · ער איזט איין יונגער מאן מיט גרויסע טאלענטע אונ וועט זיין גיזארגט אויך מיט זיין ברויט · אונ האט נאך האפענונג אויף גליק דען אשפאם איזט אדאקטער אין רוסלאנד · אונ איזט נאך דער צו וויא איך ווייס פון גוטען אויף פיהרונג מיט איין אידעשע הערץ · אונ איזט אלזוי אין שטאנדע אייער טאכטער העכסט גליקליך צוא מאכין · אונ

זייא

זייא ליבען זיך אויך ׃ נוא ווארום זאלט איר עש שטערין ׃ א איר ווערט עש שפעטער זעלבסט בעריייען (חרטה האבין) דען ניט אלע מאל טרעפט זיך אזוי איין ענין ׃ איך וועל אייך ניט לייקענען איך פארשטייא אפילו גאנץ גוט ׃ דאש פאר גיזוים האט איר דער בייא איינע גיזויסע אורזאך וואש איר וויהלט ביט דיא פארטי (שידוך) איינגייהען ׃ דער גוטער יאר וויים אייך דאך אבער מוז דער בייא איינענע אינטערעסען גאנץ פאר בויגין ווערין דען וואש טוען מיר ניט פון קינדערס וועגין ׃

אלזוי מיינע טייערע טויבע האט זיך דיא האנא אפגערופען ׃ זייעט נאך ניט אזוי ראש (איבעראיילט) מיט אייער ענטשלוס ׃ איר וואש איר זייט וויא איך קען אייך איינע בערעכטיגע דאמע ׃ עס ליגט דא צו גרונדע פיל מעהר אלס איינע געלט אינטערעסען אדער איינע בעליידיגונג וואש איך זאל עש צוא ליב דעם גליק פון מיינעם קינדע לייכט פארגעסין ׃ עס ליגט דא צוא גרונד אזוי איינע הינדערניס (מניעה) דאס זעלבסט דער וואש מעהר אלס מען איזט איך מיין דער בעסטער איינגעל וואלט אים אויך געפעהלט אן לאנג מוטה אום עס צוא פאר צייהען ׃ אונ אן גענומען דעם פאר אזון וואס אין זיינע אדערען פליסט דאס בלוט פון מיינעם גרעסטין פיינד ׃ פון מיין שענדער ׃ פון מיין פארפיהרער ׃ פון דעם פאר אונגליקער פון מיינע עלטערין ׃ פון דעם פארקירצער זייערע יארין ׃ דער צוא נאך פירכטע איך דאס ניט וויים פאלט דער עפעל פון בוים ׃ אונ אום אייך דיזע קורצע אויס דריקע מיינע (ווערטער) דייטליכער צוא מאכען מוז איך אייך ענטדעקען איין עטוואש פון מיין לעבענס געשיכטע ׃ מיט וועלכער איך האב מיך צוואר גיט וואש צוא ריהמען נור וואש טוט מען ניט אום גערעכט צו בלייבין בייא אזוי איינער וויכטיגע פערזון וויא איר זייט ׃

איין



## 8.

### איין עטוואס פון דער האנאס לעבענס געשיכטע ׃

איך בין אליין אויס גאליציען גיבאהרען ׃ אויס לעמבערג האט דיא האנא אנגעהייבין ׃ מיינע עלטערען וואהרען בראווע איידעלע לייט ׃ דער צוא זייער רייך ׃ מיין פאטער האט געהייסין ר׳ יצחק אלטארוס ׃ ער וואר א גרויסער למדן אונ א גרויסער פרומאק ׃ אונ בייא אלעם דעם איין גרויס געבילדעטער מאן ׃ מיינע מוטער האט גיהייסין רבקה ׃ וואר פון רייכע עלטערין אונ וואר וויא צוא זאגין איינע אשת חיל ׃ אונ וואר צו מיינעם פאטער איינע וואהרע שטיצע אין זיינעם גאנצין לעבין ׃ דען לבד וואס זיא וואר איינע גרויסע ווירטין וואר זיא אים אויך איינע גוטע געהילפין אין זיינע עסקים ׃ אונ האט מיט אים געשטימט אונ הארמאנירט (איינגיג געוועזען) אין אלע ענינים לבר אין איינעם ניט ׃ אונ דיזעס וואר אין דיא ערציהונג מיינע זייא האבין מער ניט געהאט וויא מיך איינע ׃ נון האט זיך געוואלט מיינער מוטער צו ערציהען מיך נאך דער נייע מאדע ׃ דאס הייסט לערנען מיך איינינע שפראכען טאנצען אונ שפילען ׃ האפטען אונ מאלען ׃ מיין פאטער אבער וואר אין דיזעם ענין אנדערש געזאנען אלס זיא ׃ ער האט געוואלט מיך ערציהען נאך דער אלטער מאדע אונ איך געדיינקע נאך איצונד דעם ריספוט וואש וואר צו ווישען זייא אלס מיינע מוטער האט גענומען איינע נובערנאנטע פאר מיך ׃ אונ עש איזט ווערט דאס איר זאלט עס הערען דען מיינע עלטערין וואהרען ביידע העכסט קלוגע לייט ׃ אונ זייערע דאמאליגע רייד זייען ווערט צוא דרוקען ׃

מיינע ליבע פרויא האט ער זיך דאן אפגערופען צוא איר ׃ מיר האבין אונז ביז אהער ניט געקריגט אונ מיר וועלין אונז ווייטער אויך ניט קריגין ׃ דאך אבער מוז איך דיר זאגין דאש דוא טוסט דער מיט אונזער קינד גאר קיין טובה וואש

דוא

דוא ווילסט איר געבען ווייטע בילדונג · זיא ווערסט איר דורך דעם פיהל מעהר בערייבען אלס געבען · דען זייענדיג בלויז איינע איינפאכע אידעשע בתולה ווערט זיא פאר זיך האבין אוועלט מיט חתנים · דען יעדער אידעשער בחור'יל פון גוטען שטאנד ווערט דאך ווירדיג זיין צוא מאן מיט איהם אונ עס ווערט זיין פון וואש צוא קלייבין · ניט אזוי אבער ווערט עס זיין ווען זיא ווערט זיך אויס בילדין · דאן ווערט זיא אנדערש ניט וועלען וויא אגעבילדעטין חתן · אונ דיזע קלאסע חתנים זייען נאך גאנץ ווייניג · אונ דיזע ווינציגע זייען אויך אלי פון נידעריגין אונ ארעמען שטאנד וואש האבין קיין מאל קיינע הייליגע ערציהונג געהאט · אונ איך האלט פון יחוס זייער פיל · דער צו נאך טרעטין זייא אפ צוא ווייט פון אידעשקייט אונ אזוי איתעם ווינצע איך מיר ניט צוא האבין פאר איין איידעם · צווייטענס ווערט דיא בילדונג איר זעלבסט אויך שאדען צו איהרע אידעשקייט · דען דער ווילע האב איך בעמערקט · דאש מיר אידען · בפרט נאך אונזערע טעכטער קענען ניט פאר דייען איין עטוואש בילדונג וויא איין עטוואס צוא פעטין ביסין אדער וויא איין עטוואס געלט · דען וויא מיר אידין פארדארבין דעם מאגין דורך אצו פעטין ביסין אונ שפילין דיא ראלע פון אגעיד וויא מיר בעקומען ארויביל טויזינד אזוי שפילין מיר די ראלע פון איין אויפגיקלערטין וויא מיר לייענען דורך איין מייטעשען ביכעל · בפרט נאך אונזערע טעכטער · אונ דאן ארויף דיא רעליגיאן · ניט אזוי איזט דיזער פאל צוא אונזערער שאנדע ביי די קריסטין · איך האב געזעהען ביי זייא שמידין וואס האבין געוואונען צוא הונדערט טויזענד טאלער וואש זייען געבליבין שמידען · אונ דאמען וואש זייען העכסט געבילדעט בעזוכען זייערע קירכין פלייסיג אונ זייען גאנץ אנרעכטיג (פרום) אין זייער בעטען · אונ בעשעפטיגין זיך זייער שטארק מיט צדקה זאבין:

אונ



אונ אמענשין אן ארעליגיאן מייגע ליבע פרויא איזט אויך אן צייטליכע (עולם הזה דיגע) פריידין · דען זיא ניט אונז ארויס בעלע *) אונ שולדיגע בערע · געטליכע בעלע · וואס ערקוויקין זיך ביי זייא קערפער אונ זייל · אן ארעליגיאן איזט מען אן האפענונג · מען איזט עלענד וויא איינע אום אירענדע שיף אויף דעם שטירמישען מעער אן אקאמפאס **) אויך שוועכט דיא בילדונג זייער פיל דיא געזונדהייט · בפרט נאך דיא מוזיק · נאך איזט קיין מוזיקער אלט געווארין דען זיא גרייפט אן אלע לעבענס גייסטער (כוחות הנפשיות) נאך מעהר אבער איינע פרויענצימער וואש זיא איזט אן דעם אויך איין שוועכליכעס געפעס · אויך הערט מען אויף דורך דעם איינע ווירטין צוא זיין · דען מען פארזאמט דיא נייטיגע צייט ביי דיא ביכער · מעהר פאר אלץ איזט דער ביי צוא זארגין דאס זיא זאל ניט בעקומען אמאן וואס איזט איין עטוואש ווייניגער געבילדעט אלס זיא איזט דאן ווערט זיא איהם פארכטין · אונ אלם זיא ווערט שפרעכין מיט איינעם אנדערין אין אזוי אשפראכע וואס ער ניט פאר שטייט ווערט ער איר חושד זיין דאס זיא רעט מיט איהם דר ווייסט פון וואש נון איזט עס שוין גענוג אום צו שטערין דען הויז פריידין וואס דאש איזט דער טייערסטער קליינאד אין דעם פארהייראטהעטען לעבין : איזט מען נאך דער צוא היפש אונ ווירקליך געלערענט דא ווערט שוין פאר אזוי איינע דאס הויז צוא איינג צוא קנאפ צו ווינציג עס ווילט זיך שוין צוא צייגין זיך פאר לייטען מען בעזוכט איטער דעם טעאטער · דעם קלובי מען פארזאמט ניט קיין שפאציר · קיינע גולאנקע · אונ אזוי אלע ערטער וואו עס איזט נור איינע געלעגענהייט זיך צוא צייגין אום בעוואונדערט

*) אין דיא שבתים אונ ימים טובים ·

**) איין קאמפאס איזט אזוי אמין זייגער וואש ווייזט דיא וועג אויף דעם מעערדורך זיין מאגנעט נאדעל אדער ווייזער ·

בעוואונדערט צו ווערין און אזוי אויך לאזט מען זיך אריין אין
קראספערנטען (אין שרייבענעם) צו מאנכע געלעהרענטע הערין
און דאמען: מען מאכט בעזוכע מען געמט אן בעזוכע · און מען
ווערט בעלאסטעט מיט לעסטיגע געסטע און מען ווערט דיא
בעריהמטע פרויא פון שילער *) :

נון מיינע פרויא זאג מיר מיינע ליבע פרויא איזט דיר כדאי
אין קאן צוא זעצין (דאש הייסט צוא וואגין) דיזע אלע טייערע
גיטער פון לעבין · רעליגיאן גיזונדהיים · הויז פרידען זעלבסט די
קייסהייט (צניעות) די ווירטשאפט צו ליב אזוי איינער אונגייטיגע
זאך וויא בילדונג איזט · פאר איינע אידעשע בירגע טאכטער
איזט עש צו פיל געוואגט מיינע פרויא · און דער ביא נאך
דיא גרויסע קאסטין · אלזוי בין איך ניט אין דיזער מיינונג ;

איך וועל דיר ניט לייקענען האט זיך דיא מוטער דאן
אפגירופען צו אים עש איזט צוואר זייער ראזאנע גישפראכין דאך
אבער נור איינזייטיג גישפראכין · אונזערע האנא איזט קוים נייין
יאר אלט · ביז יענע צייט וואש אונזער טאכטער וועט זיך דארפען
פארהייראטהען ווערט זיך דיא וועלט זייער פיל ענדערין · דאן
וועט איין אונגעבילדעטעס מיידכען זיין אסחורה נור פאר איין
האנדווערקער אבער ניט פאר אקויפמאנס זון פון שטאנד · דען
די יונגע וועלט לערינט זייער האסטיג · און מיר וועלין בעקומען
דאן פאר אונזער טאכטער איין יונגען גיבילדעטן מאן פון שיינעם
שטאנד און ווייטער וואש דוא זאגסט דאש בילדונג שאדעט צוא
דער רעליגיאן · צוא דעם הויז פרידען · איזט גראדע אומגיקערט
וואהרע בילדונג מאכט דעם מענשין נאטעם פירכטיג ערליך ·
איידעל און העכסט זיטזאם און דער צו נאך זייער העפליך ·
און מענשען פריינדליך · און ניצליך פאר דיא מענשליכע
געזעלשאפט

*) דיזע גישיכטע פון דער בעריהמטע פרויא האבין מיר
איבער גיזעצט און איזט גידרוקט דא אם ענדע :

ניין!



גיזעלשאפט און פשיטא שוין פאר זיך אליין איזט מען רייך
איזט דיא בילדונג איין צירונג · איזט מען ארעם גיט עש נאהרונג
דען נאך האב איך ניט גיזעהען איין גיבילדעטין מענשין צוא
אמאנס פארזוין צי אוייבם פערזוין וואש זאל זיין אן ברויט ·
נאטע בענע (דאש הייסט בתנאי) נוען מען האט דער ביא
גינאסין איינע גוטע ערציהונג · און דאש וועט אונזער טאכטער
געודים האבין מיט זיינער הילף · און דאש וואש דוא האסט
מיך איינגעווענדעט · פון דיא עטליכע אויסגישטודירטע · איזט
עש קיינע איינווענדונג דען דוא אליין זאגסט דאך דאש זיי זייען
עלענדע קינדער פון דעם גאנץ נידעריגען שטאנד וואש האבין
זיך גאר ניט ערצויגען ביא רעכטע עלטערין · רעכטע בעווייזע
האב איך דער צוא דיא איטאליענישע יונגע לייט און דיא
איטאליענעשע אידעשע מיידכען וואש זייען העכסט גיבילדעט און
גאנץ רעליגיעז (פרום) · און אזוי וועלין מיט דער צייט זיין אלע
אינזערע אויסגיבילדעטע און אזוי אויך אונזער טאכטער · און
אזוי וועל איך דיר ווייזען דא ביא אונז גאנץ פערקערטע
בעווייזע · דאש גראדע יונגע לייט און מיידכען וואש זייען גאנץ
אונוויסענד זייען העכסט אוים גילאסען און פארדארבען :

א מיינע ליבע פרויא האט זיך דער פאטער אפגירופין פון
דיא אויסלענדער איזט קיין נאטיץ צו נעמען · דיא אויסלענדער
זייען אנדערע לייטע · און מיר גאליציאנער קענען זיך ניט גלייכן
צוא זייא · איך וועל דיר מיט אקליין משל דיזעם בעסער
ערקלערין · אלס איך וואר מיט דיר דארט אין די בעדער איזט
אריין גיקומען דארט צוא מיר אין האטעל איין זאפאיארד (איין
יונגער איטאליענער פון זאפאען) מיט אשאכטעל פון אלער האנד
קלייניגקייט און האט מיר אנגיבעטען צו קויפען זיינע וואארע ·
קויפט לעווענדעל האט ער צוא מיר גיזאגט פראפומע לאק
פאזען טונדלאק און דאם גלייכען : און אלס איך האב אים
גיענטפערט איך בין קיין מאדע מאן אום עש צוא גיברויכען

גימל האט

THE PARABLE OF THE SHOEPOLISH



האט ער מיר אן גיבאטען זיינע וויקסע (שוואוואקס) אונ האט ניט אפגיווארט איין אנטווארט פון מיר · אונד האט באלד גיוויזען אפראבע דער פון דען ער האט אפגיפוצט ביינע אפאר שטיוועל וואש זייען גישטאנען אין דער פערדנע אונ זייא האבין גיגלאנצט וויא איין שפיגיל אונ איך האב ביי אים גקויפט עטליכע שלויציקעס דער פון · מיין בעדינער אבער וואש וואר גראדע ניט צוא הויז דאן · האט ער מיר קומענדיג פון גאס גיפרעגט ווער האט עש מיר אפגיפוצט דיא שטיוועל אונ וואש איזט עש פאר אשוואוואקס אונ אלט איך האב אים דערציילט דאס איין זאפאיארד האט עש מיר אפגיפוצט אונ וייל עש איזט מיר גיפעלין דער גלאנץ האב איך ביא אים גיקויפט עטליכע שלויציקעס האט ער זיך פון איינאנדער גילאכט אונ האט מיר גיזאגט איר זאלט וויסין דאש דיא זאוואארדען האבין נור פראנצויזישע שוואוואקס וואש טויג נור פר פראנצויזישע לעדער אבער ניט פאר גאליציאנישע לעדר · עש פארברענט עם וויא אפייער אונ אזוי האט זיך טאקע אויסגילאזין אלע מיינע שטיוועל זייען דער פון צו פאלין אויף שטיקער · אזוי אויך מיינע יפרוי · זאלסט דוא וויסין דאש דיא אויסלענדישע בילדונג אויף אונזערע גאליציאנישע הויט איזט איין פייערדיגער אלעם :

קורץ דער פון מיינע ליבע טויבע דיזער גישפרעך האט גידויערט מעהר אלס צוויא שטונדען · אין וועלכין ער האט בעוויזען דאש עש איזט אגרויסער אונטער שייד צווישין דיא איטאליענעשע יודען אונ דיא גאליציאנישע יודען · אונ ביא אלעם דעם האט מיין פאטער ניט אויסגיפיהרט · אונ מיינע מוטער איזט גיבליבין ביא דאש איהרעגע אונ האט מיך אנגיהייבין צוא בילדען · דיא ערסטע דרייא יאר האט זיא זיך גילאזט בעגינוגענע מיט גובערנאנטעס נאך הער אלס זיא האט גיזעהען דאש איך מאך גרויסע פארשריטע (טוהע אפעולה) האט זיא גינומען פאר מיר לעהרער פון גימנאזיום · אונ דער נאך פון

דעם



דעם אינווערזיטעט · אונ איך האב גיוואקסין אין לערנען אזוי גיך · דאש יעדער לעהרער איזט מיר גיווארין אין פארלויף פון איין האלבעס יאר קורץ אונ שמאל פאר מיינעם וואקסענדען גייסט וויא מיין סוקענקע פאר מיין וואקסענדען קערפער · אונ האב אים גימוזט אויסבייטען אויף איינעם גרעסערין · ביז מיר האבין בעקומען איין יונגען אידעשין שטודענט פון דעם אינווערזיטעט איין מעדיציינער (וואש גייט אויף דאקטעריא) וואש האט בעטראכטין ביא מיר דיא שטעלע פון דרייא לעהרער · דען ער האט מיר גיגעבין אונטערריכט אין פראנצויזעם · אין דער מוזיק · אונ אין טאנצען · ער וואר דאן אלט צוויא אונ צוואנציג יאר · שיין וויא יאזעף אוים עגיפטען · קלוג וויא דער טאג אונ גישיקט אין לערנען וויא איין איינגעל · דען ער וואר ווירקליך איין געניום (אגייסט) איין זעלטענהייט אונ דער צוא נאך זייער טרייא אין אונטערריכט געבין · אונ האט אלזוי אויף מיך געווירקט פיל מעהר אלס מיינע פאריגע לעהרער · אונ עש וואר מיר אזוי ליב זיינע לעקציאנען דאש איך פלעג קוים דער לעבין זיין קומען · אונ פלעג ניט שפירען וויא דיא שטונדע לייפט איבער · אונ פלעג ווערין גאנץ בעטריבט אלס ער פלעגט אוועק צוא גיין · נון פאר שטייט זיך דאש ער וואר גישעצט זייער הויך ביא מיר אונ ביא מיינער מוטער · אויך זעלבסט ביא מיינעם פאטער · אונ האט אלזוי גיהאט פון אונז דיא שענסטע אונ בעסטע בעהאנדלונג אין דער וועלט :

דיזער יונגער מאן וואר אין דריטער קלאסע אלס ער איזט גיווארין מיין לעהרער · אונ איך וואר דען זעכצעהנטע יאר · אונ האב שוין דאן גיהאט אבערוף אין גאנץ שטאדט פאר דאש געבילדעטע אידעשע מיידכען · אונ וואר דער צוא זייער הנפש · אונ מיינע מוטער האט זייער פיל שטאלצירט מיט מיר · אונ אין מיינעם זיבעצעהענטין יאר אלס איך האב מיך ביא דיזעם נייעם לעהרער מיינעם זיך אויסגיצייכענט אין דער מוזיק אונ אין

גילייפיג

MOTHER'S HYBRIS THIS TIME



גילייפיג שפרעכין פראנצויזיש אונ איטאליעניש פלעגט זיא איין
צו לאדין מאנכע גיבילדעטע געסט · העררין אונ דאמען יודען
אונ קריסטען אום צוא צייגען פאר זייא מיינע טאלענטע אונ
פלעגט זיך שמעלצין הערענדיק וויא מען לויבט מיך מען בעוואונדערט
מיך · אונ פלעגט טריומפירען איבער מיין פאטער (צו שטעקין
אים) וויא וויים זיא האט אויס גיפיהרט מיט מיר · דען איך
וואר ווירקליך גיבילדעט אונ גאנץ אונשולדיג · פרום אונ גיהארזאם
צו מיינע עלטערין · אונ דער צוא נאך האבין זייא שוין שדכנים
גאר ניט גילאזט לעבין וואש האבין פארגישלאגין גרויסע שידוכים
מיט גיבילדעטע יונגע לייט גבירישע קינדער וואש זייען שוין
אין גישעפטין · אונ מיין פאטער וואר שוין בערייט צוא ענדען
מיט אזון פון אגיוויסען קויפמאן מיט וועלכין ער איז גישטאנען אין
גישעפטין איין גיוויסער · אורי בריל · זיין זון וואר איין נעטער
קערעל · גיקענט גוט לערנען · גיבילדעט אונ זייער גוט
איינגעוויהעט (געניט) אין גישעפט · אונ דר צו וואר ער זייער
רייך · אונ מיר האבין גיהאט שוין איינינע מאל גוטע גילעגינהייט
זיך צוא זעהען מיט איינאנדער דען ער פלעגט מיט אביזיכט
קומען צו אונז אין גישעפט זאכין · אונ מיר זייען זיך איינאנדר
גיפעלין · ער איז וואר פאר ליבט אין מיך · אונ וואר נאך דער צו
איין מאן גאנץ גימאכט נאך מיין פאטערש ווילין · דאש הייסט
איין שיינער אידעשער קויפמאנישער יונגער מאן · אונ ער (מיין
פאטער) וואר אלזוי העכסט איינגינומען פאר אים · אונ איך
וואלט ווירקליך גילעבט גליקליך פאר אים · צו מיינעם אונגליק
אבער וואר מיינע מוטר גאנץ אפגינייגט פון אים · ניין פלעגט זיא
זאגין צום פאטר · אונזער האנא איזט צוא וואש בעסערעס גימינצט
(גימאכט) · אלס צו הייראטהען איין קויפמאן וואש זיין שטאנד
איזט אונשטעטיג וויא דיא וועלע · באלד איזט ער גיהייבין אונ
באלד גיפאלין אונ דער צו וויל איך ניט דאש אונזער טאכטער
זאל דארפין וויא איך שוואצען (באלטייען) מיט אבי וואסערין

הוזירער



הוזירער (קארעבעלניק) איר געשליפענער מויל געלערינטער
צינגעלע איזט צוא וואש וויכטיגערעס אויס געבילדעט געווארין
מיט אזוי פיל מיהע אונ קאסטין :

דיזע רייד איהרע וואש איך פלעג עם זייער אפט זעלבסט
הערין · אונ דער צוא נאך דיא גרויסע סצענע וואש זיא פלעגט
זיך צוא פאר צענעווען פאר דיא שדכנים · האט געמאכט
אגרויס ווירקונג אויף מיין יונגעם הערץ · אונ האב דורך דעם
בעקומען אגרויסע אבניינונג פון אורי ברילס זון · אונ האב
ווירקליך געמיינט דאש איך בין צוא וואש גרעסערעס שוין
בעשטימט אלס אנדערע אידעשע טעכטער פון רייכען שטאנד ·
אונ בין גיווארין ביי זיך זייער שטאלץ · אונ דיזעם האט מיינעם
פאטער העכשט געקרענקט · אונ איזט גיווארין דורך דעם העכסט
אונאייניג מיט מיינער מוטער · אונ איזט גיווארין צוא ליב דעם
פארדריסליך אויך אויף מיין לעהרער ווייל ער האט זייער גוט
פארשטאנען דאש דיזע מיינונגען פון מיינער מוטער זייען איר
איינגיגעבין גיווארין נור פון אים ווייל ער האט אזעלכע דבורים
זייער אפט פון אים אליין געהערט · דאש הייסט דאש דיא
אידעשע טעכטער זייען העכסט אומגליקליך מיט זייערע מאנען
דען זייא ווערען ביי זייא נור סאחרייקעס · אונ פאר שטייען
ניט וויא צוא בעהאנדלען זייא · אונ דאש ווער עם מיינט נור
גוט מיט זיין טאכטר דארף ער איר געבין אמאן אפאך מענש דאס
הייסט אזוי איינעם וואס האט אטאלענט אין האנד · אונ האט
אלזוי געצילט דער מיט נור אויף אדאקטער אדער אפטייקער ·
גראדע אזעלכע פערזויגען וואש מיין פאטער האט געהאט געגין
זייא דעם גרעסטין ווידער ווילען : אונ מיין פאטער האט שוין
אלזוי גערייעט (חרטה גיהאט) וואש ער האט אין תחלת גאר
נאך געגעבין דער מוטער · אוים צוא בילדין מיך · נור יעצט
וואר שוין צוא שפעט · קורץ דער פון עם איזט גיווארין דורך
דעם אגרוים שפאנונג (אונאייניגקייט) צוא פאטער אונ מוטער אונ

אונזערע

אונ׳ דיזע הויז לייט האבין זיך געטיילט אין צוויא פארטייען · דער בוכהאלטער איין ווערלטליכער מאן פון דיא פרומע וועלט דאך אבער זייער קלוג אונ ערפאהרען געניט אונ דאס גלייכין דער משולח וואס וואר ביי דעם פאטער וואס ער פלעגט אים צוא שיקן קיין לייפציג קיין ווין אונ וואר שוין אזוי גאר מעהר פון דער נייע וועלט אלס פון דער אלטע האבין גיהאלט׳ן מיט דעם פאטער דאש מען זאל טאן מיט דעם אורי בריל׳ם זון איך אבער אונ מיין לעהרער האבין גיהאלטין מיט דער מוטער דאש מען זאל מיט אים ניט טאן · דיזער הויזליכער פראצעס (קריג) האט גידויערט מעהר אלס איאר · דער ווייל האבין שדכנים אויף גיהערט צו ווייזין זיך שוין ביי אונז אין שטוב · דען זייא האבין איין גיזעהען דאש זייער גיין ווערט זיין אומזיסט ווייל עש איזט חלוקי דעות (פארשיידענע מיינונגען) אונטער מיינע עלטערן · וואש איינער וויל · וויל ניט דער אנדערר · אונ דער ביי האט מען אנגיהייבין צוא ריידין אין שטאדט דאש איך וויל נור אראקטער · אונ דאש וואר דאן אין לעמבערג אגרויסער בראך · אונ צום אונגליק וואר נאך דאן דער ווייל אויך קיין דאקטער פאר דער האנד וואש זאל וועלין מיך נעמען · קורץ דר פון איך בין אויס גישלאסין גיוואָרין פון דיא שדכנימס רייסטער · אונ בין גיבליבין זיצען וויא אייניע אויס גימידענע פון ארע וועלטין מיט גיקריינקטען שטאלץ ענטצווייט (צו ריסען) מיט דעם פאטער · וואש האט נאך אלץ מיט שווערער זנויט אפ גיהאלטען דעם אורי בריל דאש ער זאל נאך זיך ניט בעאיילען צו טאן אשידוך מיט זיין זון · דען מיט דער צייט וועט ווערין דער שידוך מיט מיר · אונ ווער נויים פילייכט וואלט עש גישעהען צוא אונזערען אלעמעס גליק · ווען איך וואלט ניט גיוואהרען פארפיהרט צוא איינעם רוסען שטרייך דורך מיין לעהרער וואש איך אונ נאך מעהר מיינע מוטער האבין גיהאט צוא אים דעם גרעסטין צוא טרויען :





מיינע בעסטע פריינדין : טויבע · א וויא מען דארף עש זיין פארזיכטיג מיט דיזע לייטען · דאש הייסט מיט דיא לעהרער קלאסע · מען ברויכט זייא צוא בעהאנדלען נור וויא איין מיטעלדינג (דאש הייסט אלס איין מיטעלע פערזאן) פון הויז דינער אונ׳ הויז פריינד · דאש הייסט צו קוקין אויף אים שטרייננג דאש ער זאל טאן זיין זאך גיהעריג וויא איין פלייסיגער דינער · אונ ווידער אים מקרב זיין וויא איין הויז פריינד · דאך אבער זיך ניט גאנץ ערגעבין אים · דען דיזע לייטע שטייען אין פיל קנאפערע בעריהרונג מיט גאט אלס איינער אנדערער אונ עש גישיהעט דורך דעם מאנכע שטרייכע (שטוקי) זעלבסט אין דיא ארענטליכסטע הייזער דאש מען האט עש צוא בערייען צייט מען לעבט · אונ דיזער פאל וואר ביי מיר · דען מיינע מוטער אונ דער נאך איך ווערין מייגעם לעצטין לעהרער זייער ווייט ערגעבין · דאס ער איזט גישטאנען ביי אונז אין קרהיט פון ערליכקייט אונ פון קלוגהייט · אונ זיין יעדעם ווארט וואש ער האט מיט אונז גישפראכין איבער דעם אידעשין פראקטישען לעבן איזט גיבליבין ביי אונז איינגידריקט · אונ מיט דער צייט אלס מען האט מיר אנגיהייבין צוא ריידין מיט אורי ברילם זון האט ער גישטעמפעלט מייגעם פאטער מיט דעם נאמען ארטאדאקס דעם בוכהאלטער מיט דעם נאמען פאנאטיקער · אונ דעם משולח מיט דעם נאמען צבויאק · אונ האט גיבראכט אזוי ווייט דאש דיזע דרייא האבין שוין ביי מיר קיין טרייע אונ גלויבין גיהאט · אונ האב מיך גיהאלטין אן זיינע רייד וויא איין פרומער איד אן דעם שולחן ערוך : אונ באלד דרויף האט זיך גימאכט גינוג גילעגינהייט דאש איך זאל דער פאר גינוג ליידין וויא איך וועל דא ווייטער דער ציילין :

צייט איינינע מאנאטע · דאש הייסט זינט ער האט אנגעהייבען צוא מערקען דאש מיין פאטער ליידעט אים ניט האט ער זיך ענטזאגט פון דער שטונדע נור אום ניט צוא ענטזאגט

ווערין · אונ האט עש גיטאן (אום ניט אפ צו טרעטין פון אונזער שטוב אלם אוים דיזעם גרונד נור דאש הייסט דאש עש ליידעט אים ניט דער פאטער אדר ער דעם פאטער ניט) מיט דעם אויסרייד דאש ער טוט נור ווייל ער איזט העכסט בעשעפטיגט מיט זיינעם לעצטין עקזאמען · אונ ביי אלעם דעם פלעגט ער מיר בעזוכען אפאר מאל אין וואך נור אין דיא צייטען וואש דער פאטער וואר ניט צוא הויז · אונ וואר אויף גינומען פון מיר אונ פון מיינער מוטער זייער העפליך אונ פריינדליך · נון האט זיך גימאכט צייטין אונטער דיא בעזוכע וואש איך וואר נור אליין אין מיין צימער דען דער פאטער וואר אין בראד אויף איריד · אונ דיא מוטער אונפאם · נון פארשטייט זיך דאש ביי אזעלכע בעזוכע פון איינעם יונגין שטודענט וואש האלט שוין ביי דעם ענדען פון זיין שטודיום ביי איינער אכצעהען יאריגען מיידכען וואס טרייבט פון אבעסערע צו קונפט (שפעטערע צייטען) אלם איהרע איבעריגע פריינדינען וואר גישפראכין מעהר אלם וויא פון גאט אונ ציצית · ער פלעגט מיר פארצושפיגלען וואש מיין פאטער מיינט וואש צוא מאכין פון מיר אונ האט זיך מיר כמה מאל זעלבסט פאר גישלאגין דאש איך זאל אים הייראטהען נאך אין אנדער האלבין מאנאטע בעקום · איך מיין דיפלאם געוויס האט ער צוא מיר געזאגט · אונ וועל זיין שוין אים שטאנדע דיר גליקליך צו מאכין אונ איך פלעג אים איין צו ווענדען דאש דאש איזט מיר העכסט אונמעגליך אוים צו פיהרען · דען מיין פאטער אונ זעלבסט דיא מוטער וועט עש ניט וועלין · האט ער מיר בערעדעט דאש איך זאל מיט אים אינם געהיים דאן אנטלייפין איך האב צו דיזעם פלאן גינוג געלד אום עש אוים צו פיהרען · דו ווייסט דאך דאש איך וועל בעקומען פון מיינע עלטערין פופציג טאלער מאנעטליך · איצונד ביי דעם ענדין וועל איך נאך מעהר בעקומען :

דיזעם אנמוטהען האט מיר זייער מיט דער צייט גיפונען גרויס

אנקלאנג



אנקלאנג · דען דעם אוים זון האב איך ניט גיוואלט ווייל מיינע מוטער האט ניט גיוואלט · אונ בעסערע שידוכים אונטער אונזערע נגידים האב איך מיך שוין ניט גירעכט ווייל איך בין גיווארין פסול אונטער אידען מיט דעם וואש איך מיין אדאקטער צוא נעהמען · אונ זעלבסט דאש איך בין צוא פיל גיבילדעט אונ אלם איך האב אים גיפרעגט צו וואש זאל ער עש טאן צו הייראטהען מיך אן אנגראסין געלט · האט ער מיר גישווארין דאש ער וויל עש טאן נור אוים הייליגער ליבע צוא מיר אונ ווייטער ניט אונ איז מיר אין: מיינער פארקימערטע זייליע גיווארין העל אונ ליכטיג · אונ עש ווארין מיר דיזע רייד אזוי וואול טועענד וויא דיא זון נאך שטירמישע נאכט · דען וואש קען נאך בעצויבערנדער זיין פאר איינער מיידכען זיילע וויא צו הערין די צווייא ווערטער איך ליבע דיך פון איינעם ליבענם ווירדיגען יונגען מאן וויא דיזער לעהרער וואר וואש וואר מיר ווירקליך ליב · דען איך האב אים גיליבט שוין פון לאנג צוואר אן האפענונג אים צו בעזיצען (צו בעקומען) · נון עפינט זיך פאר מיר אברייטע וועג דער צו · אונ האב אים אלזוי פאר שיינקט מיין הערץ · אונ האב גיוויליגט צוא פליכטען מיט אים וואו ער אליין וויל · אונ פון דיזער צייט אן האבין מיר אונז אנגיהייבין פיל זעלטענער זיך צוא זעהען אום קיין פערדאכט (חשד) אויף אונז ציהען · נור אן שטאדט דעם האבין מיר איין גיהיימען בריף ווערקסיל (צעטעלעך גישריבען) מיט איין אנדער דורך איין ארעמעם מיידכען וואש פלעגט צוא בריינגען אדער טראגין גיבעק צוא אונז · מיין יערע פיראזקע וואר גשיקט מיט אנאנדער צעטעלע · אונ האבין אזוי אפגירעט ווען אונ וויא דיא פלוכט (דיא אנטלייפונג) זאל גישעהען :

דער ווילע האב איך זיך מיט אלע זיבין זאכין צו גיקליבין · דען איך האב דאך ניט גיוואלט אן אהעמד אנטלייפען · איך האב גימאכט ברייט אין מיין קאמאד איינע היפשע גארדראבע

מיט

ELOPE



מיט ווייס צייג מיט צירונג · אונ אין א אפגירעטע נאכט ארום איינם דעם זיינער אלס איך האב דער הערט דעם דריטען אפגירעטין פייף · האב איך דורך גיווארפין דורך דעם פענסטער פון מיין צימעריל וואש וואר גיווענדעט אין אשטיל שמאלע געסיל אניווענטעגם זאק וואש וואר פול אונ פאק אונ דר נאך האב איך מיך ארונטער גילאזין · אויף אגיקניפעלטין זיידענעם שנור וואש ער האט מיר אונטער גישיקט מיט אפאר טעג פריהער · אונ דארט אונטין האב איך דער ווייסט מיין פאר פיהרער מיט אבריצקע וואש איזט בעשפאנט מיט דרייא פערד · מיר האבין זיך ארין גיזעצט אונ אוועק גישווינט וויא אשטורעם פייגעל אין ווייטען · נון פאר שטייט זיך דאש מיין געמיטה האט דר בייא ניט ווייניג גליטען · דאך מיין פאר פיהרער האט באלד מיך בערוהיגט · אונ מיינעם גיוויסען איינגישלופערט דאש מיט אפאר ליבליבע ווערטער דאשפמיט אפאר פייערינע קיסע (קושין) · מיר זייען גיפארין דיא גאנצע נאכט · אונ האבין אונז ערסט מיט טאג צו גלייך גישטעלט פיטערין אין אקליין קרעצמעלקע וואש שטייט אויף אזייטען וועגיל · מיר האבין זיך אויסגירוהעט · גיפריסטיקט · אונ דאן האב איך בייא אים גיפרעגט וואו זייען מיר דא : דען עש וואר מיר דארט העכסט אונהיימליך · עש וואר ארום גרויסע ווילדניס אונ שטעפ · דיא אנטווארט וואר פריינדליך אונ העכסט בערוהיגענדען מיר מוזין פארין מיט זייטען וועגין האט ער מיר גיענטפערט דאמיט מען זאל אונז ניט אן יאגין · אונזער רייזע גייט נאך קצערנאוויץ וואש איזט בוקאווינע דען דארט בין איך אנגישטעלט פון דער קרוין אונ אזוי האבין מיר אונז אומגישלעפט מעהר אלס צעהען טעג · אונ אלץ וויא קאנפעסקירטע קערלע פאדראזאנע דאש הייסט אלץ וויא בעהאלטענע אונ צוא שראקענע · וויל מיר האבין אונז גיפירכטעט צו יאגט מען אונז ניט · אונטער דיזע רייזע האב איך אים קרעדיטירט אויף זיין ערליכעם גיזיכט אויך מיינע יונג פרוילינע עהרליכקייט אונ ער



ABANDONED



האט אבער באלד דארויף באנקראטירט : דען זייענדיג שוין נאהענט פון דעם ציל פון אונזער רייזע : דאש הייסט איינינע מייל נור פון קצערנאוויץ · האט ער מיר בייא נאכט אין דער קרעצמע וואו מיר האבין גינעכטיגט אוועק גיווארפין · דען אויף שטייענדיג פון שלאף האב איך אים שוין ניט דער ווייסט · איך האב גימאכט טוזענד פראגען בייא דעם ווירט · בייא דער ווירטין · אונ בייא אלע זיינע הויזלייטע · קיינער אבער פון זייא האט מיר ניט גיקענט געבען בעשייד פון אים · אונ האב מיך דער ווייל גיטרייסט מיט איינער פאלשע האפנונג דאש ער איז נור פאר געוויס ערגעץ וואו אויף אווייל אוועק גיגאנגען אונ וועט באלד קומען · אונ האב אזו פארבראכט איינינע שטונדען צווישין פורכט אונ האפנונג · אונ אלס עש איזט שוין גיווארין האלבער טאג האב איך אנגיהייבין ארום צו זעהען צוא זייען דא זיינע זאכין ; אונ האב צוא מיינע קמערנים בעמערקט דאש עש איזט פון זיינע רייזע קליידער אפאדים ניט גיבליבין ; נור מיינע זאכין זייען אלע אין גאנצין אונ דער צוא נאך זיין בייטעל מיט אטאלער הונדערט · אונ וויא עש האט אויס גיזעהען האט ער עש וויא אומישנע גילאזין אויף הוצאות פאר מיך : וואש אין מיינעם הערצין איזט דאן פארגעגאנגען דאש קען נור איין גאט ווייסען דען איך בין ניט אין שטאנד אויס צו דער ציילען · צו מיינע עלטערין וואר מיר אונמעגליך צו פארין צוריק ; דא פערבלייבין נאך מעהר ניט · צוויא טעג בין איך גילעגין וויא איינע פאראליזירטע אונ האב ניט גיוואוסט וואו מיך צוא ווענדען · איך האב גיוואלט לייפען קיין קצערנאוויץ האב עש אבער ניט גיטאן וויל איין אנפארענדער אורח האט מיר גיזאגט דאש ער איזט גאר אוועק גאר צוריק ; נון האב איך פארשטאנען דאש ער האט מיך דורך אויש בעטראגין ; אונ וואר אלזוי העכסט אויף גיבראכט אויף זיך דאש איך האב מיך אנגיטרויט אויף אזוי אבעטריגער · אונ איך אויף דיא גאנצע וועלט ·

דען ווען אזוי איינער קען טרינקען דא איזט שוין אין דער וועלט
קיינעם צו גלויבין · אין אפאר טעג בין איך אוועק פון דארט ·
אונ האב מיך מעהר אלס איין יאר אומגיוועלגערט אויף גאטעס
ערד · זוכענדיג איין אונטער קומען פאר מיך דאש הייסט איינע
שטעלע צו זיין ערגעץ וואו איינע גובערנאנטע · עש האט זיך
אבער ערגעץ ניט אנגיהאקט (דאש הייסט אנהאלטענד) דען אין
מאנכע ערטער זייען מיר ניט גיפעלין גיוועהן די שילערין ·
אין מאנכע שטעלין זייען מיר ניט גיפעלין גיוועהן די עלטערין
ביז די וועלין פון מיינעם שיקזאל האבין מיך אריין גיווארפין קיין
ווארשוי דארט האב איך בעקומען איינע שטעלע ביי איינעם
יונגען קויפמאן וואש האט גיהאט אמיידכען פון איאר ניין · אונ
זיינע פרויא וואר איינע יונגע היפשע דאמע · איך האב גיהאט
דארט טיש אונ פופציג דוקאטען איאר · אונ וואר ביי אים
צווייא יאר אונ מיר ווארין העכסט צו פרידען איינער פון דעם
אנדערין · פון מיינעם לעבענס: וואנדעל אונ שיקזאל האבין זייא
דאש מינדעסטע ניט גיוואוסט · דארט אים הויזע האב איך
גיהאט גילעגענהייט צו הערין פון מאנכע לעמבערגער סוחרים
וואש פלעגין אהין צו קומען אונ וואש האבין מיך ניט גיקאנט
דערציילענדיג די גישיכטע וואש האט פאסירט מיט דער טאכטער
פון דעם ר' יצחק אלטארוס וואש זיין נאמען וואר העכסט בעקאנט
אין ווארשוי דאש הייסט מיט מיר זייא האבין דער ציילט
דאשי די מוטער איזט דער פון באלד גישטארבין · אונ דער
פאטער האט איינגילאזין דעם גישעפט אונ זיצט · אונ לערינט ·
אונ האט נאך אמאל אפילו ניט גישיקט זוכען מיך · איך האב
עש גיהערט אונ גיוויינט אין שטילן · אזוי וויט מיינע ליבע טויבע
קען איין טאכטער נור מאכין עלטערין העכסט אונגליקליך :
איך וואר דארט צווייא יארי אין דעם דריטען יאר איזט
מיינע הערין גישטארבין · אונ מיין הער וואש האט גיהייסין
יאזע אלעצקע איזט גיווארין מיין געמאהל (מאן) דען איך וואר
אים



אים אימער ליב אונ טייער · אונ צווייטענס האט ער מיך גיט
גיוואוסט ענטרייסען פון זיינער טאכטעריל וואש וואר אים ליב
וויא זיין לעבין · אונ אזוי מיר אויך ליב · אונ בין גיווארין זאיהרע
אמוטער · איך האב מיט יאזע אלעצקע פאר לעבט גליקליכע
זיבענצעהן יאר · האב אים זיין קינד מיטערליך ערצויגען · אונ
דער לעבט מיט אים אויך צווייא קינדער · אונ דיזע זייען עש ·
ער איזט גישטארבין אין ווארשוי ער האט גילאזין ארובל פינף
אונ צוואנציג טויזענד · האט ער דער פון פארשריבען פינף
טויזענד אויף די טאכטער פון דער ערסטע פרויא · אונ פון די
איבעריגע גינערין מיר אונז :

אונ וואש איזט גיווארין פון אייער פארפיהרער האט איר
די טויבע גיפרעגט · וויא איך האב גיהערט · האט זיא גיענטפערט
האט ער אין דער זעלביגע וואך וואש ער האט מיך אוועק
גיווארפין חתונה גיהאט מיט זיין כלה וואש זיא האט אים גילאזט
שטודירען אויף איהרע הוצאות · אונ זאל זייער רייך זיין · גראדע
אומגיקערט וויא עש גיהערט צו זיין אט אזוי גייט עש מיינע
ליבע טויבע אין גאטעס וועלט :

גוט איך ווייס דאש יעדער האט וואש צו דערציילען פון
זיך · איהר נאך מעהר · אבער לאמיר אונז אומקעהרין צו אונזער
זאך וואש גיהערט עס צו אייער טאכטער · איר פירכטעט פיללייכט
דאש עש וועט אייער טאכטער אויך אזוי פאסירען ווען זיא וועט
זיך פאהייראטהען מיט איינעם אומגישטודירטען · איזט דאך
איינע פראגע ווארום האט איר אין תחילת עש גיוואלט · אונ
צווייטענס עש האבין זיך פילע מענשין דער ווארגין עסענדיג
אונ ביי אלעם דעם עסט מען דאך ווייטער באשר עש האט
עש אייך גיטראפין · אונ ווידער דארט ביי אייך וואר
דאך נור איינע פארפיהרונג דא איזט דאך איין געהעריגער שידוך ·
עס איזט דער קאפ אזוי פארדרייט · האט זיא זיך אפ גירופין
דאש

DISGUSTING!



ראזע אן שמארט איינער האכציים וועלען צוויא געשעהען · דען מיין פאטער איזט וויטווער · אונ דיינע מוטער איזט נאך ליבענם ווירדיג נור געדולד אונ געשוויגין · איך בויע אויף מיינעם פאטערס הערץ זייער פיל · ער איזט איין איידעל מאן דיא יוגענד זינדע פארגייעט וויא איין מארגען טויא באם מען וויים עם ווידער גוט צוא מאכען :

באלד דארויף האט דער הערשעלע אוועק געשריבין צוא דעם פאטר אלעם וואס מיר האבין דער ציילט · אונ דער הערשעלע אבער האט קיינע אנטווארט פון פאטער בעקומען מעהר אלס איין גאנצין מאנאט אונ וואר זייער בעשטירצט וועגען דעם · דען ער האט געמיינט דאש ער האט דער מיט דעם פאטער בעליידיגט מיט דעם שרייבין זיינעם צוא אים · אונ קען נאך אלזוי האבין אהינדערנים (אמניעה) פון דעם פאטער אויך אין זיינער ליבשאפט ·

נון וואר אין איינעם טריבען אוועגד אלס דער הערשעלע וואר בייאנדער האנא אונ ראזע אונ דיא טויבע וואר אויך דער ביא אונ מען האט זיך אונטער געהאלטען פון פארשידענע פארשיידענהייט ביי דעם סאמאוואר · איזט אנגעפארן אדראנסקע אונ יאיין הער פון מיטעלע יארין נאך זייער שטארק אונ רעכט געזונד · איזט אראפ געשפרונגען פון איר · איזט צוא געגאנגען צו דיזער גרופע (קאמפאניע) · דיזער הער וואר דער אלטער מארגאזע · עש איזט דער זון ארויף געפאלען אויף זיין האלז · אונ ער איזט געפאלען אויף דיא קניע פאר דיא האנא · אונ האט איר געבעטין אום פארצייהונג אונ דאש גלייכען דאם זיא זאל איר טאכטער געבען צוא זיינעם זון פאר אווייב · ער האט עם פארלאנגט פון איר מיט גרויס ריהרונג · ער האט דער ביא געגונג געוויינט · אונ געגונג זיך ענטשולדיגט ער האט איר דער ציילט וואס מיט אים האט פאסירט · אונ האט אזוי ווייט געוואוסט צוא

ריהרין



דאש איך האב אייך פארגעסין צוא דער ציילען דעם עיקר · מיין פארפיהרער הייסט הלל מארגאזע ער איזט איין פאטער פון דיזעם הערשעלע מארגאזע · ער איזט איינע עכטע קאפיע פון זיינעם פאטער · דען אזוי האט דער פאטער אויס געזעהען אין זיינע יארין · עם האט מיר אויפגעקאכט דאש בלוט אלס איך בין געוואר גיווארין ווער ער איזט · זיין פאטער האט מיך אום מיינע עהרע ערליכקייט אום מיינע עלטערין · אונ אום מיין פארמעגען געבראכט · ניין אזעלכע בלוטען קען איך מיינע טאכטער ניט אנטרויען · אונ קען ניט אזוי איינעם אלס זון הערצען :

ווען דיא זאך אזוי איזט האט זיך דיא טויבע אפגירופין קען איך ניט איינווענדען · נור ערלויבט מיר עם אייער טאכטער צוא דער ציילין · א יא זייא קענען עם איר דער ציילין האט זיך דיא האנא אפגערופין · נור פארשווייגע זייא אירע מאנכע זאכען דער פון וואש עם פאסט זיא זאל ניט וויסין :

זיא האט עם באלד דער ציילט דער טאכטער · דיא טאכטער האט עש דער ציילט דעם הערשעלען · גוט האט ער זיך אפגערופין ווען איך וויים נור דיא אורזאך דער פון שווייג עם ווערט שוין נוטצווערין · איך האב דיזעם פון מיינען פאטר גיהערט דער ציילענד · נור איין עטוואס אנדערס · אונ ער בערייעט עם זייער שטארק · ער רופט עש איינע יוגענד שטוקע אדער איין שטורעמין שטריך · אונ האלט עם וועלין ווידער גוט מאכין מיט זיין איין לעבין אונ פאר מענין · ער וויים אבער ניט וואו עש איזט דיא בעליידיגטע צוא בעקומען אום איר צוא פארגיטיגן מיט וואס נור מעגליך איזט · נון ווערדע איך אים שרייבין דאש דיא מאדאם אלעצקע וועסען טאכטער איך וויל הייראטהען איזט עש דיא געוועזענע פריילין אלטארום דיא טאכטער פון דעם ר' יצחק זיידען הענדלער · דוא וועסט זעהען מיינע ליבע

ראזע

ריהרין איהר הערץ : דאש עס האט זיך אויפגעמאכט אין איר דיא אלטע ליבע׳ אונ אין פערלויף פון צווייא וואכען האבין זיך טאכטער אונ מוטער ביידע פארמעהלט (חתונה געהאט)׳ עס וואר דאן דיא שטאט אויף מיט דיזער געשיכטע ׳ נאטע בענע (גוט געמערקט) אונטער דיא פארנעהמערע קלאסע ׳ נאך דיא האכצייטען האבען זייא בעשטעלט דעם זון מיש בייא דער טויבע אונ זייא אלע זייען אפגעפארען קיין קאמעניץ : אונ מאנכער פון זייא לעבט נאך פיליכט איצונד אויך :

---

# דער סאלדאטשקע סין

דאס איז איינע וואהרע געשיכטע וואס עס האט געשריבין פון זיך זעלבסט איין געוויסער וואלף פלעקסער וואס וואר איין סאלדאטסקע סין . זיא איז וואונדערליך שיין . אונ דער צוא אויך ניט קליין . געשריבין מיט הומאר (חריצות) אונ גרויס געפיל . אונ איז אזוא איין שיינער בייא שפיל . פאר יעדין יונגין מאן . וואס נור לעזין קאן . אונ צוא גלייך איין זיסעס צייט פארטרייב פר יעדע פרויא וואס האט נור איין צערטליכעס הערץ אין אירעם לייב אונ נאך מער . איין טראסט אגוטער . פאר יעדע הייסע מוטער :

**מאת אמ״ד .**

---

## ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ו לפ״ק

---

**СОЛДАТСКІЙ СЫНЪ**

Повѣсть А. М. Дика

ВИЛЬНА.
Въ типографіи Вдовы и братьевъ Роммъ,
на Жмудскомъ переулкѣ въ домахъ
подъ № 327 и 328.
1876.